| JOB 32:6 און אֶליהוא דער זון פֿון בַּרַכאֵל דעם בוזי האָט זיך אָפּגערופֿן און האָט געזאָגט: ייִנגער בין איך פֿון אײַך אין טעג, און איר זײַט גרײַזן, דערום האָב איך מיך געשײַט און מורא געהאַט אײַך אַרויסזאָגן מײַן געדאַנק. edit | JOB 32:6 un Elihu der zun fun Barakhel dem Buzi hot zich opgerufen un hot gezogt: yinger bin ich fun ich in teg, un ir zeit graizen, derum hob ich mich geshait un moire gehat aich aroiszogen main gedank. | JOB 32:6 And Elihu ben Barakhel the Buzi answered and said, I am young, and ye are very old; wherefore I was afraid, and dared not tell you of what I have da'as. |
| JOB 32:7 איך האָב געזאָגט: טעג זאָלן רעדן, און פֿיל יאָרן זאָלן מאַכן וויסן חכמה. edit | JOB 32:7 ich hob gezogt: teg zolen reden, un fil yoren zolen machen visen chochme. | JOB 32:7 I said, Yamim should speak, and multitude of shanim should teach chochmah. |
| JOB 32:8 אָבער עס איז רוּחַ אין מענטשן, און דער אָטעם פֿון (אֵל) שַדַי וואָס מאַכט זיי פֿאַרשטאַנדיק. edit | JOB 32:8 ober es iz ruach in mentshen, un der otem fun (El) Shaddai vos macht zei farshtandik. | JOB 32:8 But there is a ruach in enosh, and the neshamat Shaddai giveth them binah. |
| JOB 32:9 נישט די גרויסע זײַנען חכמים, און נישט די זקנים פֿאַרשטייען וואָס איז גערעכט. edit | JOB 32:9 nisht di groise zainen chachomim, un nisht di zknim farshteyen vos iz gerecht. | JOB 32:9 Great men are not always wise, neither do the zekenim understand mishpat. |
| JOB 32:10 דערום זאָג איך: הער מיר צו, לאָמיך אויך אַרויסזאָגן מײַן געדאַנק. edit | JOB 32:10 derum zog ich: her mir tsu, lomich oich aroiszogen main gedank. | JOB 32:10 Therefore I said, Pay heed to me; I also will tell of what I have da'as. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 32:11 זעט, איך האָב אָפּגעוואַרט אויף אײַערע רייד, איך האָב צוגעהאָרכט צו אײַערע חָכמות, בעת איר האָט געזוכט ווערטער. edit | JOB 32:11 zet, ich hob opgevart oif eyere reid, ich hob tsugehorcht tsu eyere chochmut, beis ir hot gezucht verter. | JOB 32:11 Hen ***(behold)*** , I waited for your devarim; I gave ear to your reasons, whilst ye searched out what to say. |
| JOB 32:12 אָבער איך האָב זיך צוגעקוקט צו אײַך, ערשט נישטאָ ווער זאָל באַווײַזן איובֿן, ווער זאָל ענטפֿערן זײַנע ווערטער, פֿון אײַך. edit | JOB 32:12 ober ich hob zich tsugekukt tsu ich, ersht nishto ver zol bavaizen iiuven, ver zol entferen zaine verter, fun ich. | JOB 32:12 Yea, I attended unto you, and, hinei, there was none of you that proved Iyov wrong, or that answered his words. |
| JOB 32:13 אפֿשר וועט איר זאָגן: מיר האָבן אָנגעטראָפֿן חכמה, אֵל קען אים אָפּשלאָגן, נישט אַ מענטש; edit | JOB 32:13 efsher vet ir zogen: mir hoben ongetrofen chochme, El ken im opshlogen, nisht a mentsh; | JOB 32:13 Yet do not say, We have found chochmah; El may vanquish him, lo ish ***(not man)*** . |
| JOB 32:14 אָבער נישט ער האָט אָנגעריכט צו מיר די ווערטער, און נישט מיט אײַערע רייד וועל איך אים ענטפֿערן. edit | JOB 32:14 ober nisht er hot ongericht tsu mir di verter, un nisht mit eyere reid vel ich im entferen. | JOB 32:14 Now he hath not directed his millin ***(words)*** against me; neither will I answer him with your speeches. |
| JOB 32:15 זיי זײַנען דערשראָקן, זיי ענטפֿערן מער נישט, אָפּגענומען זײַנען די ווערטער פֿון זיי. edit | JOB 32:15 zei zainen dershroken, zei entferen mer nisht, opgenumen zainen di verter fun zei. | JOB 32:15 They were amazed; they answered no od ***(more)*** ; they left off speaking. |
| JOB 32:16 און איך זאָל וואַרטן, ווײַל זיי רעדן נישט, ווײַל זיי שטייען און ענטפֿערן מער נישט? edit | JOB 32:16 un ich zol varten, vail zei reden nisht, vail zei shteyen un entferen mer nisht? | JOB 32:16 When I had waited, (for they spoke not, but stood still, and answered no od [more]); |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 32:17 איך אויך וועל ענטפֿערן מײַן חלק, איך אויך וועל אַרויסזאָגן מײַן געדאַנק. edit | JOB 32:17 ich oich vel entferen main Chelek, ich oich vel aroiszogen main gedank. | JOB 32:17 I said, I will answer also my chelek ***(portion)*** ; I also will show of mine da'as. |
| JOB 32:18 וואָרום איך בין פֿול מיט ווערטער, מיך דריקט דער גײַסט פֿון מײַן לײַב. edit | JOB 32:18 vorem ich bin ful mit verter, mich drikt der Gaist fun main laib. | JOB 32:18 For I am full of millim ***(words)*** , the ruach within me compelleth me. |
| JOB 32:19 זע, מײַן לײַב איז ווי ווײַן וואָס איז נישט געעפֿנט, ווי נײַע לאָגלען ווערט ער צעפּלאַצט. edit | JOB 32:19 ze, main laib iz vi vain vos iz nisht geefent, vi naie loglen vert er tseplatst. | JOB 32:19 Hinei, my beten is like yayin which hath no vent; it is ready to burst like ovot chadashim ***(new wineskins)*** . |
| JOB 32:20 איך וועל רעדן, און מיר וועט פֿרײַער ווערן, איך וועל עפֿענען מײַנע ליפּן און ענטפֿערן. edit | JOB 32:20 ich vel reden, un mir vet fraier veren, ich vel efenen maine lipen un entferen. | JOB 32:20 I will speak that I may be relieved; I will open my sfatayim and answer. |
| JOB 32:21 לאָמיך נאָר נישט שוינען קיין מאַנס פּנים, און קיין מענטשן נישט חנפֿען. edit | JOB 32:21 lomich nor nisht shoinen kein mans ponem, un kein mentshen nisht chnfen. | JOB 32:21 Let me not, now, show any man partiality, neither let me flatter adam. |
| JOB 32:22 וואָרום איך ווייס נישט ווי צו חנפֿען; באַלד וואָלט מיך אַוועקנעמען מײַן באַשעפֿער. edit | JOB 32:22 vorem ich veis nisht vi tsu chnfen; bald volt mich aveknemen main Bashefer. | JOB 32:22 For I am not skilled in flattery; in so doing Oseini ***(my Maker)*** would soon take me away. |
| JOB 33:1 אָבער הער אַקאָרשט, איובֿ, מײַנע רייד, און אַלע מײַנע ווערטער פֿאַרנעם. edit | JOB 33:1 ober her akorsht, Iyov, maine reid, un ale maine verter farnem. | JOB 33:1 Wherefore, Iyov, now, hear my speeches, and pay heed to all my words. |
| JOB 33:2 זע נאָר, איך האָב געעפֿנט מײַן מויל, מײַן צונג | JOB 33:2 ze nor, ich hob geefent main moil, main tsung redt in main gumen. | JOB 33:2 Hinei, now I have opened my mouth, my leshon hath spoken in my mouth. |

| | | |
|---|---|---|
| רעדט אין מיַין גומען. edit | | |
| JOB 33:3 אויפריכטיק פֿון מיַין האַרצן זיַינען מיַינע ווערטער, און וואָס מיַינע ליפּן וויסן, זאָגן זיי קלאָר. edit | JOB 33:3 oifrichtik fun main hartsen zainen maine verter, un vos maine lipen veisen, zogen zei klor. | JOB 33:3 My words shall be of my yosher lev ***(the uprightness of my heart)*** , and my lips shall utter da'as that is pure. |
| JOB 33:4 דער רוּח פֿון אֵל {רוּחַ הַקֹּדֶשׁ} האָט מיך געמאַכט, און דער נְשָׁמָה פֿון (אֵל) שַׁדַּי האַלט מיך ביַים לעבן. edit | JOB 33:4 der ruach fun El hot mich gemacht, un der neshome fun (El) Shaddai halt mich baim leben. | JOB 33:4 The Ruach El [Ruach Hakodesh] hath made me, and the Neshamah of Shaddai hath given me life. |
| JOB 33:5 אויב דו קענסט, ענטפֿער מיר, ברייט דיך אָן קעגן מיר, שטעל זיך אַוועק. edit | JOB 33:5 oib du kenst, entfer mir, breit dich on kegen mir, shtel zich avek. | JOB 33:5 Im ***(If)*** thou canst, answer me; set thy words in order in my presence; take thy stand. |
| JOB 33:6 זע, איך בין אַזוי ווי דו ביַי אֵל, איך אויך בין פֿון ליים געפֿורעמט געוואָרן. edit | JOB 33:6 ze, ich bin azoi vi du bai El, ich oich bin fun leim gefuremt gevoren. | JOB 33:6 See, I am like thee, of El, from chomer ***(clay)*** was I taken also. |
| JOB 33:7 זע, מיַין אימה שרעקט דיך נישט, און מיַין לאַסט דריקט נישט אויף דיר. edit | JOB 33:7 ze, main eime shrekt dich nisht, un main last drikt nisht oif dir. | JOB 33:7 Hinei, my terror shall not make thee afraid, neither shall my pressure be heavy upon thee. |
| JOB 33:8 יאָ, האָסט געזאָגט אין מיַינע אויערן, און דעם קָול פֿון די ווערטער האָב איך געהערט: edit | JOB 33:8 yo, host gezogt in maine oieren, un dem kol fun di verter hob ich gehert: | JOB 33:8 Surely thou hast spoken in my ozen, and I have heard the voice of thy words, saying, |
| JOB 33:9 ריין בין איך, אָן אַ פֿאַרברעך, לויטער בין איך, און האָב נישט קיין זינד: edit | JOB 33:9 rein bin ich, on a farbrech, loiter bin ich, un hob nisht kein zind: | JOB 33:9 I am pure without peysha; I am clean; neither is there avon in me. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 33:10 זע, בלבולים געפֿינט ער אויף מיר, ער רעכנט מיך פֿאַר זײַן שׂונא; edit | JOB 33:10 ze, blbulim gefint er oif mir, er rechent mich far zain soine; | JOB 33:10 Yet He findeth tenuot ***(occasions)*** against me, He counteth me for his oyev, |
| JOB 33:11 ער טוט אַרײַן אין אַ קלאָץ מײַנע פֿיס, ער היט אַלע מײַנע שטעגן. edit | JOB 33:11 er tut arain in a klots maine fis, er hit ale maine shtegen. | JOB 33:11 He putteth my raglayim in the stocks, He watcheth all my orkhot. |
| JOB 33:12 אָט אין דעם ביסטו נישט גערעכט, װעל איך דיר ענטפֿערן, װאָרום אֱלוֹהַ איז גרעסער פֿון מענטשן. edit | JOB 33:12 ot in dem bistu nisht gerecht, vel ich dir entferen, vorem Eloah iz greser fun mentshen. | JOB 33:12 But in this thou art not right; I will answer thee, that Eloah is greater than enosh. |
| JOB 33:13 פֿאַר װאָס קריגסטו זיך מיט אים, װאָס ער פֿאַרענטפֿערט נישט אַלע זײַנע מעשׂים? edit | JOB 33:13 far vos krigstu zich mit im, vos er farentfert nisht ale zaine maisim? | JOB 33:13 Why dost thou contend against Him? For He giveth not account of any of His matters. |
| JOB 33:14 װאָרום אויף איין שטייגער רעדט אֵל, און אויף צוויי, הגם מע מערקט עס נישט. edit | JOB 33:14 vorem oif ein shteiger redt El, un oif tsvei, hagam me merkt es nisht. | JOB 33:14 For El speaketh once, yea twice, yet man perceiveth it not. |
| JOB 33:15 אין אַ חָלום, אַ זעונג פֿון דער נאַכט, װען אַ טיפֿער שלאָף פֿאַלט אויף מענטשן, אין שלומער אויפֿן געלעגער, edit | JOB 33:15 in a cholem, a zeung fun der nacht, ven a tifer shlof falt oif mentshen, in shlumer oifen geleger, | JOB 33:15 In a chalom, in a chezyon lailah, when deep sleep falleth upon anashim, in slumberings upon the mishkav ***(bed)*** , |
| JOB 33:16 דענצמאָל אַנטפּלעקט ער דעם אויער פֿון מענטשן, און פֿאַרחתמעט מיט אַ מוסר | JOB 33:16 dentsmol antplekt er dem oier fun mentshen, un farchasmet mit a musar tsu zei, | JOB 33:16 Then He openeth the ozen anashim, and sealeth their admonition |

| | | |
|---|---|---|
| צו זיי, edit | | |
| כּדי דער מענטש זאָל JOB 33:17 אַוועקוואַרפֿן זײַן טאָן; און ער באַשירעמט פֿון האָפֿערדיקייט דעם מאַן. edit | JOB 33:17 kedei der mentsh zol avekvarfen zain ton; un er bashiremt fun hoferdikeit dem man. | JOB 33:17 That He may turn them aside from their deeds, and hide pride from gever ***(man)*** . |
| ער פֿאַרמײַדט זײַן זעל JOB 33:18 פֿון שַחַת, און זײַן לעבן פֿון אומקומען דורכן שווערד. edit | JOB 33:18 er farmaidt zain zel fun shac̈hat, un zain leben fun umkumen durchen shverd. | JOB 33:18 He keepeth back his nefesh from the shachat, and his life from the overthrow of the sword. |
| אָדער ער ווערט JOB 33:19 געשטראָפֿט מיט ווייטאָג אויף זײַן געלעגער, און אַלע זײַנע ביינער ווערן שטײַף. edit | JOB 33:19 oder er vert geshtroft mit veitog oif zain geleger, un ale zaine beiner veren shtaif. | JOB 33:19 He is chastened also with pain upon his mishkav, and the continual strife in his atzmot; |
| און זײַן לעבן מאַכט אים JOB 33:20 זיך עקלען מיט ברויט, און זײַן זעל מיטן גלוסטיקסטן מאכל. edit | JOB 33:20 un zain leben macht im zich eklen mit broit, un zain zel miten glustiksten maichl. | JOB 33:20 So that his life abhorreth lechem, and his nefesh dainty food. |
| אָפּגעצערט ווערט זײַן JOB 33:21 פֿלייש פֿון פּנים, און אײַנגעדאַרט זײַנע ביינער, נישט אָנצוקוקן. edit | JOB 33:21 opgetsert vert zain fleish fun ponem, un ingedart zaine beiner, nisht ontsukuken. | JOB 33:21 His basar is consumed away, that it cannot be seen; and his atzmot that were not seen stick out. |
| און זײַן זעל גענענט צו JOB 33:22 דער שַחַת, און זײַן לעבן צו די טייטער. edit | JOB 33:22 un zain zel genent tsu der shac̈hat, un zain leben tsu di teiter. | JOB 33:22 Yea, his nefesh draweth near unto the shachat, and his life to the ones bringing death. |
| אויב עס איז דאָ פֿאַר JOB 33:23 אים אַ מלאך, אַ מליץ-יושר אפילוּ איינער פֿון טויזנט, כּדי | JOB 33:23 oib es iz do far im a malech, a meilets-yoisher afile einer fun toizent, kedei dem mentshen antsuzgen zaine | JOB 33:23 If there be a malach ***(messenger, i.e., Malach HaBrit, HaAdon)*** as melitz ***(mediator)*** for him, one of a |

| | | |
|---|---|---|
| דעם מענטשן אַנצוּזאָגען זײַנע גערעכטפערטיקונג, edit | gerechtfertikung, | thousand, who declares a person yashar ***(upright)*** , |
| JOB 33:24 לײַטזעליקט ער אים, און זאָגט: לייז אים אויס פֿון נידערן אין גרוב {שַׁחַת} ; איך האָב געפֿונען אַן אויסלייז. edit | JOB 33:24 laitzelikt er im, un zogt: leiz im ois fun nideren in grub ; ich hob gefunen an oisleiz. | JOB 33:24 Then he is gracious unto him, and saith, Deliver him from going down to the shachat ***(pit)*** ; I have found a kofer ***(ransom)*** . |
| JOB 33:25 זײַן לײַב ווערט פֿרישער ווי ייִנגלווײַז, ער קערט זיך אום צו די טעג פֿון זײַן יוגנט. edit | JOB 33:25 zain laib vert frisher vi yinglvaiz, er kert zich um tsu di teg fun zain yugnt. | JOB 33:25 His basar shall be restored like a na'ar; he shall return to the yamim of his youthful vigor; |
| JOB 33:26 ער בעט צו אֱלוֹהַ, און ער באַוויליקט אים, און ער זעט זײַן פּנים מיט חֵן, און קערט אום דעם מענטשן זײַן גערעכטיקייט. edit | JOB 33:26 er bet tsu Eloah, un er bavilikt im, un er zet zain ponem mit chein, un kert um dem mentshen zain gerechtikeit. | JOB 33:26 He shall pray unto Eloah, and be accepted by Him, and he shall see His face with teruah ***(shouts of joy)*** ; thus He recompenseth unto enosh his tzedek. |
| JOB 33:27 ער קומט פֿאַר מענטשן און זאָגט: איך האָב געזינדיקט, און וואָס איז רעכט האָב איך פֿאַרדרייט, און עס האָט מיר נישט געלוינט. edit | JOB 33:27 er kumt far mentshen un zogt: ich hob gezindikt, un vos iz recht hob ich fardreit, un es hot mir nisht geloint. | JOB 33:27 He looketh upon anashim, and if any say, I have sinned, and perverted that which was yashar, and it was not recompensed to me, |
| JOB 33:28 אַזוי לייזט ער אויס זײַן זעל פֿון גיין אין גרוב {שַׁחַת}, און זײַן לעבן זעט די ליכטיקייט. edit | JOB 33:28 azoi leizt er ois zain zel fun gein in grub, un zain leben zet di lichtikeit. | JOB 33:28 He will redeem his nefesh from going into the shachat, and his life shall see the ohr. |
| JOB 33:29 זע, דאָס אַלץ טוט אֵל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל, מיט אַ | JOB 33:29 ze, dos alts tut El, tsvei mol, drai mol, mit a mentshen, | JOB 33:29 Lo, all these things worketh El, twice, shalosh with gever ***(man)*** , |

| | | |
|---|---|---|
| מענטשן, edit | | |
| JOB 33:30 כּדי אומצוקערן זייַן זעל פֿון גרוב {שַׁחַת} , דערלוכטן צו ווערן אין ליכט פֿון לעבן. edit | JOB 33:30 kedei umtsukeren zain zel fun grub , derluchten tsu veren in licht fun leben. | JOB 33:30 To bring back his nefesh from the shachat ***(pit)*** , to be enlightened with the Ohr HaChayyim ***(light of the living)*** . |
| JOB 33:31 פֿאַרנעם, אִיובֿ, הער מיר צו; שווייַג, און איך וועל רעדן. edit | JOB 33:31 farnem, Iyov, her mir tsu; shvaig, un ich vel reden. | JOB 33:31 Mark well, O Iyov, pay heed unto me; hold thy peace, and I will speak. |
| JOB 33:32 אויב דו האָסט ווערטער, ענטפֿער מיר, רעד, וואָרום איך וועל דיך גערעכט מאַכן. edit | JOB 33:32 oib du host verter, entfer mir, red, vorem ich vel dich gerecht machen. | JOB 33:32 If thou hast anything to say, answer me; dabbir ***(speak)*** , for I desire to justify thee. |
| JOB 33:33 אויב נישט, הער דו מיר צו; שווייַג, און איך וועל דיך לערנען חכמה. edit | JOB 33:33 oib nisht, her du mir tsu; shvaig, un ich vel dich lernen chochme. | JOB 33:33 If not, pay heed unto me; hold thy peace, and I shall teach thee chochmah. |
| JOB 34:1 און אֱליהוא האָט זיך אָפּגערופֿן און האָט געזאָגט: edit | JOB 34:1 un Elihu hot zich opgerufen un hot gezogt: | JOB 34:1 Furthermore Elihu answered and said, |
| JOB 34:2 הערט, חכמים, מייַנע ווערטער, און איר קענער, לייגט צו דאָס אויער צו מיר. edit | JOB 34:2 hert, chachomim, maine verter, un ir kener, leigt tsu dos oier tsu mir. | JOB 34:2 Hear my words, O ye chachamim; and give ear unto me, ye that have da'as. |
| JOB 34:3 וואָרום דאָס אויער דאַרף פּרווון ווערטער, אַזוי ווי דער גומען פֿאַרזוכט עסן. edit | JOB 34:3 vorem dos oier darf pruven verter, azoi vi der gumen farzucht esen. | JOB 34:3 For the ozen trieth words, as the mouth tasteth food. |
| JOB 34:4 לאָמיר אונדז אויסוויילן | JOB 34:4 lomir undz oisveilen dos gerechte, lomir gevor veren | JOB 34:4 Let us choose for ourselves what is mishpat |

| | | |
|---|---|---|
| דאָס גערעכטע, לאָמיר געוואָר ווערן צווישן אונדז וואָס איז גוט. edit | tsvishen undz vos iz gut. | ***(right)*** ; let us know among ourselves what is tov. |
| JOB 34:5 וואָרום איִוֹב זאָגט: איך בין גערעכט, נאָר אֵל האָט אָפּגעטאָן מײַן רעכט; edit | JOB 34:5 vorem Iyov zogt: ich bin gerecht, nor El hot opgeton main recht; | JOB 34:5 For Iyov hath said, I am innocent; and El hath taken away my mishpat ***(right)*** . |
| JOB 34:6 בײַ מײַן גערעכטיקייט ווער איך געהאַלטן פֿאַר אַ ליגנער, מסוכּן איז מײַן ווונד, אָן אַ פֿאַרברעך. edit | JOB 34:6 bai main gerechtikeit ver ich gehalten far a ligner, msuken iz main vund, on a farbrech. | JOB 34:6 I declare the mishpat ***(case)*** against me a lie; though without peysha, my arrow wound is incurable. |
| JOB 34:7 וואָסער מענטש ווי איִוֹב טרינקט געשפּעט אַזוי ווי וואַסער, edit | JOB 34:7 vaser mentsh vi Iyov trinkt geshpet azoi vi vaser, | JOB 34:7 What gever is like Iyov, who drinketh up the scorn [of his friends] like mayim? |
| JOB 34:8 און פֿירט זיך אין חבֿרותא מיט טוער פֿון אומרעכט, און גייט אום מיט שלעכטע לײַט? edit | JOB 34:8 un firt zich in chavruse mit tuer fun umrecht, un geit um mit shlechte lait? | JOB 34:8 Who goeth in chaverah with the po'alei aven ***(workers of iniquity, evildoers)*** , and walketh with anshei resha. |
| JOB 34:9 וואָרום ער זאָגט: דעם מענטשן קומט גאָרנישט אַרויס ווען ער זוכט וווילגעפֿעלן אלקים. edit | JOB 34:9 vorem er zogt: dem mentshen kumt gornisht arois ven er zucht voilgefelen Elokim. | JOB 34:9 For he hath said, It profiteth a gever nothing that he should please Elohim. |
| JOB 34:10 דערום, לײַט מיט פֿאַרשטאַנדיקייט, הערט מיר צו: ווײַט איז אֵל פֿון אומרעכט, און (אֵל) שַדַי פֿון אַן עוולה. edit | JOB 34:10 derum, lait mit forshtandikeit, hert mir tsu: vait iz El fun umrecht, un (El) Shaddai fun an avle. | JOB 34:10 Therefore pay heed unto me ye anashei levav ***(men of understanding)*** ; far be it from El, that He should do evil, and from Shaddai, that He should do wrong. |

| | | |
|---|---|---|
| נאָר די טוּונג פֿון JOB 34:11 מענטשן באַצאָלט ער אים, און לויט איטלעכנס וועג שיקט ער אים צו. edit | JOB 34:11 nor di tuung fun mentshen batsolt er im, un loit itlechns veg shikt er im tsu. | JOB 34:11 For the po'al adam ***(work of a man)*** shall He repay unto him, and make every man to find according to the man's ways. |
| יאָ פֿאַר וואָר, אֵל טוט JOB 34:12 נישט קיין אומרעכט, און (אֵל) שַׁדַי פֿאַרדרייט נישט גערעכטיקייט. edit | JOB 34:12 yo far vor, El tut nisht kein umrecht, un (El) Shaddai fardreit nisht gerechtikeit. | JOB 34:12 Yea, surely El will not do wickedly, neither will Shaddai pervert mishpat ***(justice)*** . |
| ווער האָט אים באַפֿוילן JOB 34:13 איבער דער ערד? און ווער האָט געמאַכט די וועלט אין גאַנצן? edit | JOB 34:13 ver hot im bafoilen iber der erd? un ver hot gemacht di velt in gantsen? | JOB 34:13 Who hath given Him right to rule the earth? Or who hath appointed Him over the tevel? |
| אַז ער זאָל קערן זײַן JOB 34:14 האַרץ אויף אים, אַז ער זאָל זײַן הויך און זײַן אָטעם אײַנזאַמלען צו זיך, edit | JOB 34:14 az er zol keren zain harts oif im, az er zol zain hoich un zain otem inzamlen tsu zich, | JOB 34:14 If He should so determine, if He gather unto Himself His Ruach and His Neshamah, |
| וואָלט פֿאַרגיין JOB 34:15 יעטוועדער לײַב אין איינעם, און דער מענטש וואָלט צו שטויב זיך אומקערן. edit | JOB 34:15 volt fargein yetveder laib in einem, un der mentsh volt tsu shtoib zich umkeren. | JOB 34:15 All basar would perish together, and adam would return unto aphar. |
| און אויב דו האָסט JOB 34:16 פֿאַרשטאַנדיקייט, הער דאָס צו; פֿאַרנעם דעם קָול פֿון מײַנע ווערטער. edit | JOB 34:16 un oib du host forshtandikeit, her dos tsu; farnem dem kol fun maine verter. | JOB 34:16 If now thou hast binah, hear this: pay heed to the kol ***(voice)*** of my words. |
| צי קען גאָר אַ פֿײַנט פֿון JOB 34:17 גערעכטיקייט הערשן? אָדער | JOB 34:17 tsi ken gor a faint fun gerechtikeit hershen? oder | JOB 34:17 Shall even one that hateth mishpat ***(right)*** govern? |

| | | |
|---|---|---|
| ווילסטו דעם מאַכטיקן גערעכטן באַשולדיקן? – edit | vilstu dem machtiken gerechten bashuldiken? – | And wilt thou condemn Him that is Tzaddik and Kabir ***(the Mighty One)*** ? |
| JOB 34:18 קען מען זאָגן צו אַ מלך נידערטרעכטיקער? רָשע צו פֿירשטן? – edit | JOB 34:18 ken men zogen tsu a melech nidertrechtiker? roshe tsu firshten? – | JOB 34:18 Is it fit to say to a melech, Thou art beli'ya'al? And to nobles, Ye are rasha. |
| JOB 34:19 דעם וואָס שאַנעוועט נישט דעם פּנים פֿון האַרן, און אַכט נישט אויפֿן רײַכן מער ווי אויפֿן אָרימאַן, ווײַל דאָס ווערק פֿון זײַנע הענט זײַנען זיי אַלע. edit | JOB 34:19 dem vos shanevet nisht dem ponem fun haren, un acht nisht oifen raichen mer vi oifen oriman, vail dos verk fun zaine hent zainen zei ale. | JOB 34:19 Who shows no partiality to sarim ***(princes)*** , nor regardeth the rich more than the poor? For they all are the ma'aseh ***(work)*** of His hands. |
| JOB 34:20 אין אַ רגע שטאַרבן זיי, אין האַלבע נאַכט; לײַט ווערן צעטרייסלט און פֿאַרגייען, און מע טוט אָפּ דעם מאַכטיקן ווי נישט מיט דער האַנט. edit | JOB 34:20 in a rege shtarben zei, in halbe nacht; lait veren tsetreislt un fargeyen, un me tut op dem machtiken vi nisht mit der hant. | JOB 34:20 In a moment shall they die, and at chatzot lailah the people shall be shaken, and pass away, and the mighty shall be taken away without human hand. |
| JOB 34:21 וואָרום זײַנע אויגן זײַנען אויף די וועגן פֿון דעם מענטשן, און אַלע זײַנע טריט זעט ער. edit | JOB 34:21 vorem zaine oigen zainen oif di vegen fun dem mentshen, un ale zaine trit zet er. | JOB 34:21 For His eyes are upon the darkhei ish and He seeth all his goings. |
| JOB 34:22 נישטאָ קיין פֿינצטערניש און קיין טויטשאָטן, פֿאַר די טוער פֿון אומרעכט זיך דאָרטן צו פֿאַרבאָרגן. edit | JOB 34:22 nishto kein fintsternish un kein toitshoten, far di tuer fun umrecht zich dorten tsu farborgen. | JOB 34:22 There is no choshech, nor tzalmavet, where the po'alei aven ***(evildoers)*** may hide themselves. |
| JOB 34:23 וואָרום ער מאַכט נישט | JOB 34:23 vorem er macht nisht dem mentshen a tsait, tsu | JOB 34:23 For He does not need to consider an ish further for |

| | | |
|---|---|---|
| דעם מענטשן אַ צײַט, צו קומען פֿאַר אֵל צום משפּט. edit | kumen far El tsum mishpot. | anyone to go before El in mishpat *(judgment)* . |
| JOB 34:24 ער צעברעכט מאַכטיקע אָן אַן אויספֿאָרשונג, און שטעלט אויף אַנדערע אַנשטאָט זיי. edit | JOB 34:24 er tsebrecht machtike on an oisforshung, un shtelt oif andere anshtot zei. | JOB 34:24 He shall break in pieces kabirim *(mighty men)* without investigation, and sets acherim *(others)* in their place. |
| JOB 34:25 פֿאַר וואָר, ער קען זייערע מעשׂים, דערום מאַכט ער אַן איבערקער איבער נאַכט, און זיי ווערן צעדריקט {דכא} . edit | JOB 34:25 far vor, er ken zeyere maisim, derum macht er an iberker iber nacht, un zei veren tsedrikt . | JOB 34:25 Therefore He knoweth their works, and He overthroweth them in the lailah, so that they are crushed. |
| JOB 34:26 ווײַל זיי זײַנען רשָעים, שלאָגט ער זיי, אין אַן אָרט ווו מע זעט. edit | JOB 34:26 vail zei zainen reshoiem, shlogt er zei, in an ort vu me zet. | JOB 34:26 He striketh them as resha'im in the open sight of others; |
| JOB 34:27 דערפֿאַר וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון אים, און אויף אַלע זײַנע וועגן נישט געאַכט. edit | JOB 34:27 derfar vos zei hoben zich opgekert fun im, un oif ale zaine vegen nisht geacht. | JOB 34:27 Because they turned back from following Him, and would not regard any of His drakhim; |
| JOB 34:28 זיי האָבן געמאַכט קומען צו אים דאָס געשריי פֿון דעם אָרימאַן, און דאָס געשריי פֿון די געדריקטע פֿלעגט ער הערן. – edit | JOB 34:28 zei hoben gemacht kumen tsu im dos geshrei fun dem oriman, un dos geshrei fun di gedrikte flegt er heren. – | JOB 34:28 So that they caused the cry of the poor to come unto Him, and He heareth the cry of the aniyim. |
| JOB 34:29 אָבער אַז ער שווײַגט, ווער קען אים באַשולדיקן? און | JOB 34:29 ober az er shvaigt, ver ken im bashuldiken? un farborgt er dem ponem, ver ken | JOB 34:29 When He giveth quietness, who then can condemn? When He hideth His |

| | | |
|---|---|---|
| פֿאַרבאָרגט ער דעם פּנים, ווער קען אים ווען זען? סײַ בײַ אַ פֿאָלק סײַ בײַ אַ מענטשן אַלץ איינס. – edit | im velen zen? sai bai a folk sai bai a mentshen alts eins. – | panim, who then can behold Him? Whether it be a nation, or an individual only? |
| JOB 34:30 כּדי דער זינדיקער מענטש זאָל נישט קיניגן, כּדי קיין שטרויכלונגען זאָלן נישט זײַן פֿאַרן פֿאָלק. edit | JOB 34:30 kedei der zindiker mentsh zol nisht kinigen, kedei kein shtroichlungen zolen nisht zain faran folk. | JOB 34:30 That the chanef ***(hypocrite)*** reign not, nor those who ensnare the people. |
| JOB 34:31 וואָרום האָט ער דען צו אֵל געזאָגט: איך האָב געליטן, איך וועל מער נישט שלעכטס טאָן; edit | JOB 34:31 vorem hot er den tsu El gezogt: ich hob geliten, ich vel mer nisht shlechts ton; | JOB 34:31 For has anyone said unto El, I have borne chastisement, I will not offend any more; |
| JOB 34:32 איך זע נישט, לערן דו מיך; אויב איך האָב געטאָן אומרעכט, וועל איך מער נישט טאָן? edit | JOB 34:32 ich ze nisht, leren du mich; oib ich hob geton umrecht, vel ich mer nisht ton? | JOB 34:32 Teach Thou me what I see not; im ***(if)*** I have done iniquity, I will do no more? |
| JOB 34:33 זאָל ער פֿאַרגעלטן אַזוי ווי דיר קומט אויס: אויב דיר געפֿעלט נישט, טאָ קלײַב דו אויס, און נישט איך? און וואָס ווייסטו צו רעדן? edit | JOB 34:33 zol er fargelten azoi vi dir kumt ois: oib dir gefelt nisht, to klaib du ois, un nisht ich? un vos veistu tsu reden? | JOB 34:33 Will He then recompense to suit you, just because you disavow it? Thou must choose, not I; therefore speak that of which thou hast da'as. |
| JOB 34:34 לײַט מיט פֿאַרשטאַנדיקייט וועלן מיר זאָגן, און דער קלוגער מאַן וואָס וועט מיר צוהערן: edit | JOB 34:34 lait mit forshtandikeit velen mir zogen, un der kluger man vos vet mir tsuheren: | JOB 34:34 Let anshei levav ***(men of understanding)*** say to me, and let a gever chacham who pays heed unto me say, |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 34:35 אִיוֹבֿ רעדט אָן אַ זינען, און זײַנע רייד זײַנען אָן שׂכל. edit | JOB 34:35 Iyov redt on a zinen, un zaine reid zainen on seichel. | JOB 34:35 Iyov hath spoken without da'as, and his words were without seichel. |
| JOB 34:36 איך ווינטש אִיוֹבֿ זאָל אייביק געפּרוּווט ווערן, פֿאַר ענטפֿערן אַזוי ווי זינדיקע לײַט. edit | JOB 34:36 ich vintsh Iyov zol eibik gepruvet veren, far entferen azoi vi zindike lait. | JOB 34:36 Iyov ought to be tried unto the limit, because his answers are those of anshei aven. |
| JOB 34:37 וואָרום ער לייגט נאָך צו ווידערשפּעניקייט צו זײַן חטא; ער פּאַטשט זײַנע הענט צווישן אונדז, און מערט זײַנע רייד קעגן אֵל. edit | JOB 34:37 vorem er leigt noch tsu vidershpenikeit tsu zain chet; er patsht zaine hent tsvishen undz, un mert zaine reid kegen El. | JOB 34:37 For he addeth peysha unto his chattat, he clappeth his hands ***(shaking fist at G-d)*** among us, and multiplieth his words against El. |
| JOB 35:1 און אֱליהוא האָט זיך אָפּגערופֿן און האָט געזאָגט: edit | JOB 35:1 un Elihu hot zich opgerufen un hot gezogt: | JOB 35:1 Elihu spoke moreover, and said, |
| JOB 35:2 רעכנסטו דאָס פֿאַר רעכט, אַז דו זאָגסט: איך בין גערעכטער פֿון אֵל? edit | JOB 35:2 rechnstu dos far recht, az du zogstu: ich bin gerechter fun El? | JOB 35:2 Thinkest thou this to be mishpat ***(right, just)*** , that thou saidst, Tzidki meEl ***(I am cleared, in the right, justified before G-d)*** ? |
| JOB 35:3 ווען דו זאָגסט: וואָס קומט דיר אַרויס? וואָסער נוץ האָב איך דערפֿון מער ווי פֿון מײַן זינדיקן? edit | JOB 35:3 ven du zogstu: vos kumt dir arois? vaser nuts hob ich derfun mer vi fun main zindiken? | JOB 35:3 Ki ***(yet)*** thou saidst, What advantage will it be unto thee? and, What profit shall I have, more than if I had sinned? |
| JOB 35:4 וועל איך דיר ענטפֿערן ווערטער, און דײַנע חבֿרים מיט דיר. edit | JOB 35:4 vel ich dir entferen verter, un daine Chavorim mit dir. | JOB 35:4 I will answer thee, and thy companions with thee. |
| JOB 35:5 לוג צו די הימלען, און | JOB 35:5 lug tsu di himlen, un ze, | JOB 35:5 Look unto Shomayim, and |

| | | |
|---|---|---|
| זע, און קוק אויף די וואָלקנס וואָס זײַנען הויך איבער דיר. edit | un kuk oif di volkens vos zainen hoich iber dir. | see; and behold the clouds which are higher than thou. |
| JOB 35:6 אַז דו זינדיקסט, וואָס ווירקסטו אויף אים? און זײַנען פֿיל דײַנע פֿאַרברעכן, וואָס טוסטו אים? edit | JOB 35:6 az du zindikst, vos virkstu oif im? un zainen fil daine farbrechen, vos tustu im? | JOB 35:6 If thou sinnest, what doest thou against Him? Or if thy peysha'im be multiplied, what doest thou unto Him? |
| JOB 35:7 אַז דו ביסט גערעכט, וואָס גיסטו אים? אָדער וואָס נעמט ער פֿון דײַן האַנט? edit | JOB 35:7 az du bist gerecht, vos gistu im? oder vos nemt er fun dain hant? | JOB 35:7 If thou be tzaddik ***(righteous)*** , what givest thou Him? Or what receiveth He of thine yad? |
| JOB 35:8 אַ מאַן ווי דו גייט אָן דײַן שלעכטיקייט, און אַ מענטשנקינד דײַן גערעכטיקייט. edit | JOB 35:8 a man vi du geit on dain shlechtikeit, un a mentshnkind dain gerechtikeit. | JOB 35:8 Thy resha ***(wickedness)*** may hurt an ish as thou art; and thy tzedek may profit the ben adam. |
| JOB 35:9 פֿון וועגן די פֿיל רויבערייַען שרייַט מען, מע קלאָגט זיך וועגן דעם אָרעם פֿון די שטאַרקע, edit | JOB 35:9 fun vegen di fil roiberaien shrait men, me klogt zich vegen dem orem fun di shtarke, | JOB 35:9 They cry out under a load of oppression; they plead for relief from the zero'a of the rabbim. |
| JOB 35:10 און מע זאָגט נישט: וווּ איז אֱלוֹהַ מײַן באַשעפֿער, וואָס גיט געזאַנגען אין דער נאַכט; edit | JOB 35:10 un me zogt nisht: vu iz Eloah main Bashefer, vos git gezangen in der nacht; | JOB 35:10 But none saith, Where is Eloah Osai ***(G-d my Maker)*** , Who giveth zemirot balailah ***(songs in the night)*** ; |
| JOB 35:11 וואָס לערנט אונדז מער פֿון בהמות פֿון דער ערד, און מאַכט אונדז קליגער פֿון פֿויגל פֿון הימל? edit | JOB 35:11 vos lernt undz mer fun beheimes fun der erd, un macht undz kliger fun foigel fun himel? | JOB 35:11 Who teacheth us more than the behamot eretz, and maketh us wiser than the oph HaShomayim? |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 35:12 אָן שרײַט מען, און ער ענטפֿערט נישט, וועגן דער האָפֿערדיקייט פֿון די רשָעים. edit | JOB 35:12 on shrait men, un er entfert nisht, vegen der hoferdikeit fun di reshoiem. | JOB 35:12 There they cry out, but none giveth answer, because of the ga'on ***(pride, arrogance)*** of ra'im ***(wicked men)*** . |
| JOB 35:13 אָבער פֿאַלש איז, אַז אֵל הערט נישט צו, און (אֵל) שַדַי קוקט עס נישט אָן. edit | JOB 35:13 ober falsh iz, az El hert nisht tsu, un (El) Shaddai kukt es nisht on. | JOB 35:13 Surely El will not hear shav ***(vanity)*** , neither will Shaddai regard it. |
| JOB 35:14 הגם דו זאָגסט, דו קענסט אים נישט זען, איז דער משפט פֿאַר אים, און דאַרפֿסט האַרן אויף אים. edit | JOB 35:14 hagam du zogstu, du kenst im nisht zen, iz der mishpot far im, un darfst haren oif im. | JOB 35:14 Although thou sayest thou cannot see Him, yet Din ***(the court case)*** is before Him; therefore trust thou, waiting for Him, |
| JOB 35:15 און אַצונד, האָט דען פֿאַר גאָרנישט געשטראָפֿט זײַן צאָרן? און ווייס ער נישט וויל פֿון דער מוטוויליקייט? edit | JOB 35:15 un atsund, hot den far gornisht geshtroft zain tsoren? un veis er nisht voil fun der mutvilikeit? | JOB 35:15 though ye say His anger does not pakad ***(visit, punish)*** anything and that He does not regard wickedness much; |
| JOB 35:16 אָבער אִיוֹב עפֿנט מיט נאַרישקייט זײַן מויל, אָן פֿאַרשטאַנדיקייט מערט ער ווערטער. edit | JOB 35:16 ober Iyov efent mit narishkeit zain moil, on forshtandikeit mert er verter. | JOB 35:16 Therefore doth Iyov open his mouth hevel ***(in vain)*** ; he multiplieth words without da'as. |
| JOB 36:1 און אֱליהוא האָט ווײַטער געזאָגט: edit | JOB 36:1 un Elihu hot vaiter gezogt: | JOB 36:1 Elihu also proceeded, and said, |
| JOB 36:2 וואַרט מיר אַ ווײַלע, און איך וועל דיר זאָגן, וואָרום פֿאַראַן נאָך ווערטער וועגן אֱלוֹהַ. edit | JOB 36:2 vort mir a vaile, un ich vel dir zogen, vorem faran noch verter vegen Eloah. | JOB 36:2 Bear with me a little, and I will show thee that I have yet to speak on behalf of Eloah. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 36:3 איך וועל אויפֿהייבן מײַן געדאַנק ווײַט אַהין, און מײַן באַשעפֿער וועל איך געבן גערעכטיקייט. edit | JOB 36:3 ich vel oifheiben main gedank vait ahin, un main Bashefer vel ich geben gerechtikeit. | JOB 36:3 I will get my da'as from afar, and will ascribe tzedek to my Maker. |
| JOB 36:4 וואָרום פֿאַר וואָר, נישט פֿאַלש זײַנען מײַנע ווערטער, אויפֿריכטיק אין געדאַנקען בין איך צו דיר. edit | JOB 36:4 vorem far vor, nisht falsh zainen maine verter, oifrichtik in gedanken bin ich tsu dir. | JOB 36:4 For truly my words shall not be sheker; one that is tamim ***(complete)*** in da'as is among thee. |
| JOB 36:5 זע, אֵל איז מאַכטיק, אָבער ער פֿאַראַכט קיינעם נישט; ער איז מאַכטיק אין כּוח פֿון פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | JOB 36:5 ze, El iz machtik, ober er faracht keinem nisht; er iz machtik in koiech fun forshtandikeit. | JOB 36:5 See, El is kabir ***(mighty)*** , and despiseth not any; He is kabir in ko'ach lev ***(strength of understanding)*** . |
| JOB 36:6 ער לאָזט נישט דעם רָשע בלײַבן לעבן, און גיט די אָרימע זייער רעכט. edit | JOB 36:6 er lozt nisht dem roshe blaiben leben, un git di orime zeyer recht. | JOB 36:6 He preserveth not the life of the rasha, but giveth mishpat to the aniyim. |
| JOB 36:7 ער נעמט נישט אַראָפּ זײַנע אויגן פֿון דעם צדיק; און מיט מלכים אויפֿן טראָן זעצט ער זיי אויף אייביק, און זיי ווערן דערהייבט. edit | JOB 36:7 er nemt nisht arop zaine oigen fun dem tsadik; un mit Molechim oifen tron zetst er zei oif eibik, un zei veren derheicht. | JOB 36:7 He withdraweth not His eyes from the tzaddik, but with melachim are they on the kisse; yea, He doth establish them lanetzach ***(forever)*** , and they are exalted. |
| JOB 36:8 און אויב זיי זײַנען געשמידט אין קייטן, באַצוווּנגען אין שטריק פֿון פּײַן, edit | JOB 36:8 un oib zei zainen geshmidt in keiten, batsvungen in shtrik fun fain, | JOB 36:8 And if they be bound in chains, and be held fast in chevlei oni ***(cords of affliction)*** , |
| JOB 36:9 רעדט ער זיי אויס זייער טווּנג, און זייערע פֿאַרברעכן | JOB 36:9 redt er zei ois zeyer tuung, un zeyere farbrechen | JOB 36:9 Then He showeth them their work, and their peysha'im |

| | | |
|---|---|---|
| ווען זיי שטאַרקן זיך. edit | ven zei shtarken zich. | that they have done arrogantly. |
| JOB 36:10 ער אַנטפּלעקט זייער אויער פֿאַר מוסר , און הייסט, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן פֿון אומרעכט. edit | JOB 36:10 er antplekt zeyer oier far musar , un heist, az zei zolen zich umkeren fun umrecht. | JOB 36:10 He openeth also their ozen to musar ***(discipline)*** , and commandeth that they make teshuvah and turn from evil. |
| JOB 36:11 אויב זיי הערן, און דינען, ענדיקן זיי זייערע טעג אין גוטס, און זייערע יאָרן אין נַחַת. edit | JOB 36:11 oib zei heren, un dinen, endiken zei zeyere teg in guts, un zeyere yoren in Nachat. | JOB 36:11 If they obey and serve Him, they shall spend their yamim in tov ***(prosperity)*** , and their shanim in contentment. |
| JOB 36:12 און אויב זיי הערן נישט, קומען זיי אום דורכן שווערד, און פֿאַרגייען אָן פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | JOB 36:12 un oib zei heren nisht, kumen zei um durchen shverd, un fargeyen on forshtandikeit. | JOB 36:12 But if they obey not, they shall perish by the sword, and they shall die without da'as. |
| JOB 36:13 אָבער די זינדיקע אין האַרצן לייגן אָן צאָרן; זיי שרייַען נישט צו אים ווען ער בינדט זיי. edit | JOB 36:13 ober di zindike in hartsen leigen on tsoren; zei shraien nisht tsu im ven er bindt zei. | JOB 36:13 But the chanefei lev ***(irreligious in heart, hypocrites)*** incur wrath; they do not cry for help when He bindeth them. |
| JOB 36:14 אין יוגנט שטאַרבט זייער זעל, און זייער לעבן – ווי די שאַנדיונגען. edit | JOB 36:14 in yugnt shtarbt zeyer zel, un zeyer leben – vi di shandiungen. | JOB 36:14 They die in youth, their nefesh among the kedeshim ***(cult male prostitutes, youthful lusts)*** . |
| JOB 36:15 ער ראַטעוועט דעם געדריקטן דורך זייַן געדריקטקייט, און אַנטפּלעקט דורך דער נויט זייער אויער. edit | JOB 36:15 er ratevet dem gedrikten durch zain gedriktkeit, un antplekt durch der noit zeyer oier. | JOB 36:15 He delivereth the oni in his affliction, and openeth their ears in oppression. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 36:16 און אויך דיך וואָלט ער אַרויסגעצויגן פֿון דער קלעם, אין דערברייטערניש ווּ קיין ענגשאַפֿט איז נישטאָ; און דאָס געדעק פֿון דייַן טיש וואָלט פֿול זייַן מיט פֿעטקייט. edit | JOB 36:16 un oich dich volt er aroisgetsoigen fun der klem, in derbreiternish vu kein engshaft iz nishto; un dos gedek fun dain tish volt ful zain mit fetkeit. | JOB 36:16 Even so would He have removed thee out of the tzar ***(distress)*** into a rachav ***(broad place)*** , free from restriction, to the comfort of thy shulchan, full of choice food. |
| JOB 36:17 ווייַל אָבער ביסט פֿול מיט דער טענה פֿון דעם רָשע האַלט דיך דער משפּט און די גערעכטיקייט. edit | JOB 36:17 vail ober bist ful mit der taine fun dem roshe halt dich der mishpot un di gerechtikeit. | JOB 36:17 But thou hast been fixated on the din of the rasha; din and mishpat take hold on thee. |
| JOB 36:18 פֿאַר וואָר, זאָל דיך נאָר דער גרימצאָרן נישט אָנרעדן צו צווייפֿל, און זאָל די גרויסע אָפּקומעניש דיך נישט אַראָפּפֿירן. edit | JOB 36:18 far vor, zol dich nor der grimtsoren nisht onreden tsu tsveifel , un zol di groise opkumenish dich nisht aropfiren. | JOB 36:18 Because there is chemah, beware lest He take thee away with His stroke; then a rav kopher ***(great ransom)*** cannot deliver thee. |
| JOB 36:19 האָט דען אַ ווערדע דייַן נישט אייַנגעהאַלטענער געשריי, און אַלדי שטאַרקע ראַנגלעניש? edit | JOB 36:19 hot den a verde dain nisht ingehaltener geshrei, un aldi shtarke ranglenishen? | JOB 36:19 Will He esteem thy riches? No, not zahav, nor all the forces of ko'ach. |
| JOB 36:20 זאָלסט נישט געלוסטן די נאַכט, ווען פֿעלקער ווערן פֿאַרשווּנדן אויפֿן אָרט. edit | JOB 36:20 zolst nisht gelusten di nacht, ven felker veren farshvunden oifen ort. | JOB 36:20 Desire not halailah ***(the night)*** , when people are cut off in their place. |
| JOB 36:21 היט זיך זאָלסט זיך נישט קערן צו אומרעכט, הגם דו וואָלסט דאָס | JOB 36:21 hit zich zolst zich nisht keren tsu umrecht, hagam du volst dos oisderveilt eider fain. | JOB 36:21 Take heed, regard not iniquity; for this hast thou chosen rather than oni. |

| | | |
|---|---|---|
| אויסדערוויילט איידער פּײַן. edit | | |
| JOB 36:22 זע, אֵל איז דערהויבן אין זײַן שטאַרקייט; ווער איז אַזאַ לערער ווי ער? edit | JOB 36:22 ze, El iz derhoiben in zain shtarkeit; ver iz aza lerer vi er? | JOB 36:22 See, El exalted by His ko'ach. Who is a moreh ***(teacher)*** like Him? |
| JOB 36:23 ווער האָט אים באַפֿוילן זײַן וועג? און ווער קען זאָגן: דו טוסט אַן עוולה? edit | JOB 36:23 ver hot im bafoilen zain veg? un ver ken zogen: du tust an avle? | JOB 36:23 Who hath enjoined Him His derech? Or who can say, Thou hast done wrong? |
| JOB 36:24 געדענק, אַז דו זאָלסט גרייסן זײַן ווערק וואָס מענטשן האָבן באַזונגען. edit | JOB 36:24 gedenk, az du zolst greisen zain verk vos mentshen hoben bazungen. | JOB 36:24 Remember that thou must extol His work, of which anashim have sung praises. |
| JOB 36:25 אַלע מענטשנקינדער האָבן עס געזען, דער מענטש קוקט עס אָן פֿון דער ווײַטן. edit | JOB 36:25 ale mentshnkinder hoben es gezen, der mentsh kukt es on fun der veiten. | JOB 36:25 Kol adam has seen it; enosh beholds it afar off. |
| JOB 36:26 זע, אֵל איז גרויס, און מיר פֿאַרשטייען נישט, די צאָל פֿון זײַנע יאָרן איז נישט צו דערפֿאָרשן. edit | JOB 36:26 ze, El iz grois, un mir farshteyen nisht, di tsol fun zaine yoren iz nisht tsu derforshen. | JOB 36:26 See, El is great, and we know Him not, neither can the mispar of His shanim be searched out. |
| JOB 36:27 וואָרום ער ציט אָפּ די טראָפּנס וואַסער, זיי זאָלן זײַען רעגן פֿון זײַן נעפּל; edit | JOB 36:27 vorem er tsit op di tropns vaser, zei zolen zeyen regen fun zain nepel; | JOB 36:27 For He draws up the drops of mayim; He distills His mist as matar; |
| JOB 36:28 ווען די הימלען פֿליסן, און טריפֿן אויף מענטשן אַ סך. edit | JOB 36:28 ven di himlen flisen, un trifen oif mentshen a sach. | JOB 36:28 Which the clouds do drop and distill upon adam abundantly. |
| JOB 36:29 יאָ, צי פֿאַרשטייט מען | JOB 36:29 yo, tsi farshteit men di shpreitungen fun volken, di | JOB 36:29 Also can any understand the spreadings of the clouds, or |

| | | |
|---|---|---|
| די שפּרייטונגען פֿון וואָלקן, די געפּילדערס פֿון זײַן געצעלט? edit | gepilders fun zain getselt? | the thunderings of His sukkah? |
| JOB 36:30 זע, ער שפּרייט אויס דערויף זײַן ליכט; און די וואָרצלען פֿון ים דעקט ער צו. edit | JOB 36:30 ze, er shpreit ois deroif zain licht; un di vortselen fun yam dekt er tsu. | JOB 36:30 See, He spreadeth His ohr upon it, and covereth the depths of the yam. |
| JOB 36:31 וואָרום דערמיט משפּט ער פֿעלקער, גיט ער שפּײַז אין שפֿע. edit | JOB 36:31 vorem dermit mishpot er felker, git er shpaiz in shfe. | JOB 36:31 For by them governeth He the amim ***(nations)*** ; He giveth okhel in abundance. |
| JOB 36:32 ער שפּרייט אויס אויפֿן הימלוועלב דעם בליץ, און באַפֿעלט אים ער זאָל טרעפֿן. edit | JOB 36:32 er shpreit ois oifen himlvelb dem blits, un bafelt im er zol trefen. | JOB 36:32 His hands He covers with the ohr ***(lightning)*** , and commandeth it to strike the mark. |
| JOB 36:33 עס זאָגט אָן וועגן אים דער צאָרן, דער כּעס פֿון דעם שטורעם. edit | JOB 36:33 es zogt on vegen im der tsoren, der kaas fun dem shturem. | JOB 36:33 His noise announceth Him, the cattle even that He is approaching. |
| JOB 37:1 יאָ, דערפֿון ציטערט מײַן האַרץ, און שפּרינגט אויף פֿון זײַן אָרט. edit | JOB 37:1 yo, derfun tsitert main harts, un shpringt oif fun zain ort. | JOB 37:1 At this also my lev trembleth, and is moved out of its place. |
| JOB 37:2 הערט, הערט די אומרו פֿון זײַן קָול, און דעם ברום וואָס גייט אַרויס פֿון זײַן מויל. edit | JOB 37:2 hert, hert di umru fun zain kol, un dem brum vos geit arois fun zain moil. | JOB 37:2 Hear attentively the rogez of His voice, and the sound that goeth out of His mouth. |
| JOB 37:3 אונטערן גאַנצן הימל לאָזט ער אים לויז, און זײַן בליץ איז ביז די ברעגן פֿון דער | JOB 37:3 unteren gantsen himel lozt er im loiz, un zain blits iz biz di bregen fun der erd. | JOB 37:3 He directeth it under kol HaShomayim, and His ohr ***(lightning)*** unto the ends of ha'aretz. |

| | | |
|---|---|---|
| ערד. edit | | |
| JOB 37:4 הינטער דעםברילט אַ קָול; ער דונערט מיט דעם קָול פֿון זיַין גרויסקייט; און מע קען זיי נישט אָפּהאַלטן, ווען זיַין קָול ווערט געהערט. edit | JOB 37:4 hinter dem brilt a kol; er dunert mit dem kol fun zain groiskeit; un me ken zei nisht ophalten, ven zain kol vert gehert. | JOB 37:4 After it His kol ***(voice)*** roareth; He thundereth with the kol of His majesty; one cannot hold them back when His kol is heard. |
| JOB 37:5 אֵל דונערט ווּנדערלעך מיט זיַין קָול, ער טוט גרויסע זאַכן און מיר פֿאַרשטייען נישט. edit | JOB 37:5 El dunert vunderlech mit zain kol, er tut groise zachen un mir farshteyen nisht. | JOB 37:5 El thundereth marvellously with His kol; gedolot doeth He, beyond our understanding. |
| JOB 37:6 וואָרום ער זאָגט צום שניי: פֿאַל אויף דער ערד! דאָס גליַיכן צום גוסרעגן, צום גוס פֿון זיַינע מאַכטיקע רעגנס. edit | JOB 37:6 vorem er zogt tsum shnei: fal oif der erd! dos glaichen tsum gusregen, tsum gus fun zaine machtike regns. | JOB 37:6 For He saith to the snow, Fall thou to the eretz; likewise to the geshem matar, the heavy downpour of rain. |
| JOB 37:7 ער פֿאַרחתמעט די האַנט פֿון יעטוועדער מענטשן, אַז אַלע מענטשן פֿון זיַין באַשאַף זאָלן וויסן. edit | JOB 37:7 er farchasmet di hant fun yetveder mentshen, az ale mentshen fun zain bashaf zolen visen. | JOB 37:7 He sealeth up kol adam; that all men may know His work. |
| JOB 37:8 און די חיה גייט אַריַין אין באַהעלטעניש, און רוט אין אירע נאָרעס. edit | JOB 37:8 un di chaye geit arain in baheltenish, un rut in ire nores. | JOB 37:8 Then the chayyah ***(beasts)*** go into their lair, and remain in their places. |
| JOB 37:9 פֿון דער קאַמער קומט דער שטורעם, און פֿון צפֿון-ווינטן די קעלט. edit | JOB 37:9 fun der kamer kumt der shturem, un fun tsofen-vinten di kelt. | JOB 37:9 Out of its cheder ***(chamber)*** cometh the whirlwind; and cold out of the driving winds. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 37:10 פֿון דעם אָטעם פֿון אֵל גיט עס אײַז, און ברייטע וואַסערן ווערן פֿעסט. edit | JOB 37:10 fun dem otem fun El git es iz, un breite vaseren veren fest. | JOB 37:10 By the neshamah of El frost is given, and the broad mayim are frozen. |
| JOB 37:11 יאָ, ער לאָדט אָן מיט פֿײַכטיקייט דעם וואָלקן, ער שפּרייט פֿונאַנדער זײַן בליצכמאַרע. edit | JOB 37:11 yo, er lodt on mit faichtikeit dem volken, er shpreit funander zain blitschmare. | JOB 37:11 Also by watering He loadeth the thick cloud; He scattereth the anan of His ohr ***(lightning)*** , |
| JOB 37:12 און דאָס דרייט זיך רונד אַרום דורך זײַן קירעווען כּדי זיי זאָלן טאָן אַלץ וואָס ער באַפֿעלט זיי אויפֿן געזיכט פֿון דער ערדישער וועלט; edit | JOB 37:12 un dos dreit zich rund arum durch zain kireven kedei zei zolen ton alts vos er bafelt zei oifen gezicht fun der erdisher velt; | JOB 37:12 And it is turned round about by His guidance; that they may do whatsoever He commandeth them upon the face of the tevel ***(habitable world)*** . |
| JOB 37:13 סײַ ער שיקט עס פֿאַר אַ שטראָף, סײַ פֿאַר זײַן ערד, סײַ פֿאַר גענאָד. edit | JOB 37:13 sai er shikt es far a shtrof, sai far zain erd, sai far genod. | JOB 37:13 He causeth it to happen, whether for correction, or for His land, or for chesed. |
| JOB 37:14 פֿאַרנעם דאָס דאָזיקע, אִיובֿ, שטיי און באַטראַכט די וווּנדער פֿון אֵל. edit | JOB 37:14 farnem dos dozike, Iyov, shtei un batracht di vunder fun El. | JOB 37:14 Pay heed unto this, O Iyov; stand still, and consider the nifle'ot El ***(wondrous works of G-d)*** . |
| JOB 37:15 ווייסטו ווי אֱלוֹהַּ לייגט עס אַרויף אויף זיי, און מאַכט לײַכטן דעם בליץ פֿון זײַן כמאַרע? edit | JOB 37:15 veistu vi Eloah leigt es aroifblikendik oif zei, un macht laichten dem blits fun zain chmare? | JOB 37:15 Dost thou know how Eloah controls them, and caused the ohr ***(lightning)*** of His cloud to flash? |
| JOB 37:16 פֿאַרשטייסטו דעם מִשקוֹלֶת פֿונעם וואָלקן, די וווּנדער פֿון דעם אַלוויסיקן? edit | JOB 37:16 farshteistu dem mishkolet funem volken, di vunder fun dem alveisiken? | JOB 37:16 Dost thou know the spreading out of the clouds, the wondrous works of Him which is tamim in da'as? |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 37:17 ווי אַזוי דײַנע בגדים ווערן הייס, ווען די ערד ליגט שטיל פֿון דָרום-ווינט? edit | JOB 37:17 vi azoi daine bgdim veren heis, ven di erd ligt shtil fun dorem-vint? | JOB 37:17 You whose garments are hot, when the eretz is still because of the south wind, |
| JOB 37:18 קענסטו אויסשפּרייטן די הימלען מיט אים, פֿעסט ווי אַ געגאָסענער שפּיגל? edit | JOB 37:18 kenstu oisshpreiten di himlen mit im, fest vi a gegosener shpigl? | JOB 37:18 Hast thou with Him spread out the shekhakim ***(clouds)*** , hard as a molten mirror? |
| JOB 37:19 מאַך אונדז וויסן וואָס מיר זאָלן זאָגן צו אים; מיר ווייסן קיין לאַד נישט פֿון וועגן דער פֿינצטערניש. edit | JOB 37:19 mach undz visen vos mir zolen zogen tsu im; mir veisen kein lad nisht fun vegen der fintsternish. | JOB 37:19 Teach us what we shall say unto Him, for we cannot order our case by reason of choshech. |
| JOB 37:20 דאַרף אים דערציילט ווערן אַז איך רעד? צי דאַרף אַ מענטש אים אויסזאָגן, ווען עס איז פֿאַרהוילן? edit | JOB 37:20 darf im dertseilt veren az ich red? tsi darf a mentsh im oiszogen, ven es iz farhoilen? | JOB 37:20 Should it be told Him that I wish to speak? Or should an ish say that he would be swallowed up? |
| JOB 37:21 און אָקערשט האָט מען נישט געזען אַ העלן שײַן אין הימל, איז אַ ווינט אַריבער, און האָט אים אויסגעלײַטערט. edit | JOB 37:21 un okersht hot men nisht gezen a helen shein in himel, iz a vint ariber, un hot im oisgelaitert. | JOB 37:21 And now men cannot look at the bright ohr which is in the clouds, when the ruach passeth, and cleareth them. |
| JOB 37:22 פֿון צפֿון קומט אַ גילדערנע ליכטיקייט, אַ מוֹראדיקער גלאַנץ איז אַרום אֱלוֹהַ. edit | JOB 37:22 fun tsofen kumt a gilderne lichtikeit, a moirediker glants iz arum Eloah. | JOB 37:22 Splendor of zahav cometh out of the north; with Elo'ah is awesome hod ***(majesty)*** . |
| JOB 37:23 (אֵל) שַדַי, אים קענען מיר נישט אויסגעפֿינען; ער איז גרויס אין כּוח, אָבער רעכט און פֿולע גערעכטיקייט | JOB 37:23 (El) Shaddai, im kenen mir nisht oisgefinen; er iz grois in koiech, ober recht un fule gerechtikeit krivdet er nisht. | JOB 37:23 Touching Shaddai, we cannot reach Him; He is exalted in ko'ach, and in mishpat, and rov tzedakah; He does not oppress. |

| | | |
|---|---|---|
| קריוודעט ער נישט. edit | | |
| JOB 37:24 דערום פֿאָרכטן אים די מענטשן; ער קוקט זיך נישט אום אויף אַלע קלוגהאַרציקע. edit | JOB 37:24 derum forchten im di mentshen; er kukt zich nisht um oif ale klughartsike. | JOB 37:24 Anashim do therefore fear Him; He regardeth not any that are wise of heart. |
| JOB 38:1 און ה׳ האָט געענטפֿערט אִיובֿן פֿון שטורעם, און האָט געזאָגט: edit | JOB 38:1 un Hashem hot geentfert iiuven fun shturem, un hot gezogt: | JOB 38:1 Then HASHEM answered Iyov out of the whirlwind, and said, |
| JOB 38:2 ווער פֿאַרטונקלט דאָס די כּוונה מיט ווערטער אָן פֿאַרשטאַנדיקייט? edit | JOB 38:2 ver fartunklt dos di kavone mit verter on forshtandikeit? | JOB 38:2 Who is this that darkeneth etzah ***(counsel)*** with words without da'as? |
| JOB 38:3 גורט אַקאָרשט אָן ווי אַ מאַן דײַנע לענדן, און איך וועל דיך פֿרעגן, און דו מאַך מיך וויסן. edit | JOB 38:3 gurt akorsht on vi a man daine lenden, un ich vel dich fregen, un du mach mich visen. | JOB 38:3 Gird up now thy loins like a gever; for I will ask of thee, and thou wilt answer Me. |
| JOB 38:4 װוּ ביסטו געווען ווען איך האָב געגרונטפֿעסט די ערד; זאָג, אויב דו ווייסט פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | JOB 38:4 vu bistu geven ven ich hob gegruntfest di erd; zog, oib du veist forshtandikeit. | JOB 38:4 Where wast thou when I laid the foundations of eretz? Tell, if thou hast binah. |
| JOB 38:5 ווער האָט געמאַכט אירע מאָסן, אויב דו ווייסט? אָדער ווער האָט געצויגן אַ מעסטשנור אויף איר? edit | JOB 38:5 ver hot gemacht ire masen, oib du veist? oder ver hot getsoigen a mestshnur oif ir? | JOB 38:5 Who hath drafted the dimensions thereof, if thou hast da'as? Or who hath stretched a measuring line across it? |
| JOB 38:6 אויף וואָס זײַנען אירע גרונטמויערן אַרויפֿגעזעצט? אָדער ווער האָט געלייגט איר | JOB 38:6 oif vos zainen ire gruntmoieren aroifgezetst? oder ver hot geleigt ir vinkelshtein? | JOB 38:6 Whereupon are the foundations thereof set? Or who laid the even-pinnah ***(cornerstone)*** thereof, |

| | | |
|---|---|---|
| ווינקלשטיין? edit | | |
| JOB 38:7 ווען די מאָרגנשטערן האָבן אין איינעם געזונגען, און אַלע זין פֿון אלקים האָבן געשאַלט. edit | JOB 38:7 ven di morgenshteren hoben in einem gezungen, un ale zin fun Elokim hoben geshalt. | JOB 38:7 When the kokhvei boker sang together, and all the Bnei Elohim shouted for joy? |
| JOB 38:8 און ווער האָט פֿאַרצאַמט מיט טירן דעם ים, ווען ער האָט אויסגעבראָכן און איז פֿון טראַכט אַרויס? edit | JOB 38:8 un ver hot fartsamt mit tiren dem yam, ven er hot oisgebrachen un iz fun tracht arois? | JOB 38:8 Or who shut up the yam behind doors? Who brought it forth, issuing out of the rekhem ***(womb)*** , |
| JOB 38:9 ווען איך האָב געמאַכט דעם וואָלקן פֿאַר זיַין מלבוש, און דעם נעבל פֿאַר זיַין וויקלשנור, edit | JOB 38:9 ven ich hob gemacht dem volken far zain malbesh, un dem nebl far zain viklshnur, | JOB 38:9 When I made the anan the garment thereof, and thick darkness its swaddling band, |
| JOB 38:10 און איך האָב באַשטימט פֿאַר אים מיַין געזעץ, און געמאַכט ריגלען און טירן, edit | JOB 38:10 un ich hob bashtimt far im main gezets, un gemacht riglen un tiren, | JOB 38:10 And fixed bounds for it, and set bars and dlatot ***(doors)*** , |
| JOB 38:11 און געזאָגט: ביז אַהער זאָלסטו קומען און נישט וויַיטער, און דאָ וועט מען פֿאַרהאַלטן דעם שטאָלץ פֿון דיַינע אינדן? edit | JOB 38:11 un gezogt: biz aher zolstu kumen un nisht vaiter, un do vet men farhalten dem shtolts fun daine inden? | JOB 38:11 And said, Hitherto shalt thou come, but no further; and poh ***(here)*** shall thy proud waves be stopped? |
| JOB 38:12 האָסטו זינט דיַין לעבטאָג באַפֿוילן דעם פֿרימאָרגן? אָנגעוויזן דעם באַגינען זיַין אָרט? edit | JOB 38:12 hostu zint dain lebtog bafoilen dem frimorgen? ongevizen dem baginen zain ort? | JOB 38:12 Hast thou commanded the boker since thy yamim began; or caused the shachar ***(dawn)*** to know its place; |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 38:13 כּדי אָנצונעמען די ברעגן פֿון דער ערד, אַז די רשָעים זאָלן אַראָפּגעשאָקלט ווערן פֿון איר. edit | JOB 38:13 kedei ontsunemen di bregen fun der erd, az di reshoiem zolen aropgeshoklt veren fun ir. | JOB 38:13 That it might seize the ends of ha'aretz, that the resha'im be shaken out of it? |
| JOB 38:14 זי שעמערירט אַזוי ווי זיגלוואַקס, און עס ליגט אַזוי ווי אַ מלבוש. edit | JOB 38:14 zi shemerirt azoi vi ziglvaks, un es ligt azoi vi a malbesh. | JOB 38:14 It is changed like chomer ***(clay)*** under the khotam ***(seal)*** ; and they stand out like a garment. |
| JOB 38:15 און פֿון די רשָעים ווערט פֿאַרמיטן זייער ליכט, און דער אויפֿגעהויבענער אָרעם ווערט צעבראָכן. edit | JOB 38:15 un fun di reshoiem vert farmiten zeyer licht, un der oifgehoibener orem vert tsebrachen. | JOB 38:15 And from the resha'im their ohr is denied, and the upraised zero'a shall be broken. |
| JOB 38:16 ביסטו געקומען צו די קוואַלן פֿון ים, און אויפֿן גרונט פֿון תּהום אומגעגאַנגען? edit | JOB 38:16 bistu gekumen tsu di kvalen fun yam, un oifen grunt fun thum umgegangen? | JOB 38:16 Hast thou entered into the springs of the yam? Or hast thou walked in the recesses of the tehom? |
| JOB 38:17 זײַנען דיר אַנטפּלעקט געוואָרן די טויערן פֿון טויט, און האָסטו די טויערן פֿון טויטשאָטן געזען? edit | JOB 38:17 zainen dir antplekt gevoren di toieren fun toit, un hostu di toieren fun toitshoten gezen? | JOB 38:17 Have the sha'arei mavet been disclosed unto thee? Or hast thou seen the sha'arei tzalmavet? |
| JOB 38:18 האָסטו איבערגעקוקט ביז די ברייטקייטן פֿון דער ערד? זאָג, אויב דו ווייסט דאָס אַלץ. edit | JOB 38:18 hostu ibergekukt biz di breitkeiten fun der erd? zog, oib du veist dos alts. | JOB 38:18 Hast thou perceived the expanse of eretz? Tell Me if thou hast da'as of it all. |
| JOB 38:19 אויף וואָסער וועג רוט דאָס ליכט? און די פֿינצטערניש, ווו איז איר אָרט, edit | JOB 38:19 oif vaser veg rut dos licht? un di fintsternish, vu iz ir ort, | JOB 38:19 Where is the derech where ohr dwelleth? And as for choshech, where is the place thereof, |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 38:20 אַז דו זאָלסט זי נעמען צו איר געמאַרק, און אַז דו זאָלסט פֿאַרשטיין די שטעגן צו איר הויז? edit | JOB 38:20 az du zolst zi nemen tsu ir gemark, un az du zolst farshtein di shtegen tsu ir hoiz? | JOB 38:20 That thou shouldest take it to its border, and that thou shouldest have da'as of the paths to its bais? |
| JOB 38:21 דו ווייסט דאָס, וואָרום דו ביסט דענצמאָל שוין געווען געבאָרן, און די צאָל פֿון דײַנע טעג איז גרויס! edit | JOB 38:21 du veist dos, vorem du bist dentsmol shoin geven geboren, un di tsol fun daine teg iz grois! | JOB 38:21 Knowest thou it, because thou wast then born? Or because the mispar of thy yamim is so great? |
| JOB 38:22 ביסטו געקומען צו די אוֹצרות פֿון שניי, אָדער האָסטו די אוֹצרות פֿון האָגל געזען, edit | JOB 38:22 bistu gekumen tsu di oitseres fun shnei, oder hostu di oitseres fun hogel gezen, | JOB 38:22 Hast thou entered into the otzrot ***(storehouses)*** of the snow? Or hast thou seen the otzrot of barad ***(hail)*** , |
| JOB 38:23 וואָס איך האָב באַהאַלטן פֿאַר אַ צײַט פֿון נויט, פֿאַרן טאָג פֿון קריג און מלחמה? edit | JOB 38:23 vos ich hob bahalten far a tsait fun noit, faran tog fun krig un milchome? | JOB 38:23 Which I have reserved for the time of tzar, for the yom kerav ***(battle)*** and milchamah ***(war)*** ? |
| JOB 38:24 אויף וואָסער וועג צעטיילט זיך דאָס ליכט, צעשפּרייט זיך דער מזרח-ווינט איבער דער ערד? edit | JOB 38:24 oif vaser veg tseteilt zich dos licht, tseshpreit zich der mizrech-vint iber der erd? | JOB 38:24 Which is the derech where the ohr is distributed, where is scattered the east wind upon eretz? |
| JOB 38:25 ווער האָט דורכגעהאַקט פֿאַר דער פֿלייצונג אַ גראָבן, און אַ וועג פֿאַרן דונערגעוויטער? edit | JOB 38:25 ver hot durchgehakt far der fleitsung a groben, un a veg faran dunergeviter? | JOB 38:25 Who hath cut a channel for the overflowing of waters, or a derech for the lightning of thunder, |
| JOB 38:26 צו מאַכן רעגענען אויף אַ לאַנד אָן אַ מענטשן, אַ | JOB 38:26 tsu machen regenen oif a land on a mentshen, a midbar | JOB 38:26 To cause it to rain on eretz, where lo ish is; on |

| | | |
|---|---|---|
| מדבר אָן אַ מוטערמענטשן דערין; edit | on a mutermentshen derin; | midbar, wherein there is lo adam; |
| JOB 38:27 אָנצוזעטן אַ וויסטקייט און אַ וויסטעניש, און מאַכן שפּראָצן אַן אויסוואַקס פֿון גראָז. edit | JOB 38:27 ontsuzeten a vistkeit un a vistenish, un machen shprotsen an oisvaks fun groz. | JOB 38:27 To saturate a desolate and waste ground; and to cause the bud of the desheh to spring forth? |
| JOB 38:28 האָט דער רעגן אַ פֿאָטער? אָדער ווער האָט געבאָרן די טראָפּנס טוי? edit | JOB 38:28 hot der regen a foter? oder ver hot geboren di tropns toi? | JOB 38:28 Hath the rain an av? Or who hath begotten the drops of tal ***(dew)*** ? |
| JOB 38:29 פֿון וועמעס בויך איז אַרויס דער אײַז? און דער פֿראָסט פֿון הימל, ווער האָט אים געבאָרן? edit | JOB 38:29 fun vemes boich iz arois der iz? un der prost fun himel, ver hot im geboren? | JOB 38:29 Out of whose beten cometh the ice? And the frost of Shomayim, who giveth birth to it? |
| JOB 38:30 אַזוי ווי שטיין ווערן וואַסערן פֿאַרגליווערט, און דער פּנים פֿון תּהום ווערט פֿאַרשטאַרט. edit | JOB 38:30 azoi vi shtein veren vaseren farglivert, un der ponem fun thum vert farshtart. | JOB 38:30 The mayim harden like even ***(stone)*** , and the face of tehom is frozen. |
| JOB 38:31 קענסטו בינדן די קייטן פֿון זיבנשטערן, אָדער די שטריק פֿון אָריאָן לויז מאַכן? edit | JOB 38:31 kenstu binden di keiten fun zibnshteren, oder di shtrik fun orion loiz machen? | JOB 38:31 Canst thou bind the chains of the Pleiades, or loose the bonds of Orion? |
| JOB 38:32 קענסטו אַרויסברענגען די מזלות אין זייער צײַט, און דעם בער מיט זײַנע קינדער אַרויספֿירן? edit | JOB 38:32 kenstu aroisbrengen di mzlut in zeyer tsait, un dem Beor mit zaine kinder aroisfiren? | JOB 38:32 Canst thou bring forth Mazzarot in their times? Or canst thou guide the Bear with its banim? |
| JOB 38:33 ווייסטו די געזעצן פֿון | JOB 38:33 veistu di gezetsen fun | JOB 38:33 Knowest thou the |

| | | |
|---|---|---|
| הימל? צי מאַכסטו זיַין געוועלטיקונג אויף דער ערד? edit | himel? tsi machstu zain geveltikung oif der erd? | chukkot of Shomayim? Canst thou set the rule over ha'aretz? |
| JOB 38:34 קענסטו אויפֿהייבן צום וואָלקן דיַין קָול, אַז אַ שפֿע פֿון וואַסער זאָל דיך באַדעקן? edit | JOB 38:34 kenstu oifheiben tsum volken dain kol, az a shfe fun vaser zol dich badeken? | JOB 38:34 Canst thou lift up thy kol ***(voice)*** to the clouds, that abundance of mayim may cover thee? |
| JOB 38:35 קענסטו אַרויסשיקן בליצן, זיי זאָלן גיין, און זאָגן צו דיר: דאָ זיַינען מיר? edit | JOB 38:35 kenstu aroisshiken blitsen, zei zolen gein, un zogen tsu dir: do zainen mir? | JOB 38:35 Canst thou send lightning bolts, that they may go and say unto thee, Hineinu ***(here we are)*** ? |
| JOB 38:36 ווער האָט אַריַינגעטאָן אין די נירן חכמה? אָדער ווער האָט געגעבן דעם גיַיסט פֿאַרשטאַנדיקייט? edit | JOB 38:36 ver hot araingeton in di niren chochme? oder ver hot gegeben dem Gaist forshtandikeit? | JOB 38:36 Who hath put chochmah in the inward parts, or who hath given binah to the mind? |
| JOB 38:37 ווער ציילט איבער די וואָלקנס מיט חכמה? און די לאָגלען פֿון הימל ווער גיסט אויס? edit | JOB 38:37 ver tseilt iber di volkens mit chochme? un di loglen fun himel ver gist ois? | JOB 38:37 Who can number the clouds in chochmah, or who can tip the waterskins of Shomayim, |
| JOB 38:38 ווען דער שטויב איז צונויפֿגעגאָסן ווי קלומפּ, און די גרודעס זיַינען צוזאַמענגעבאַקן. edit | JOB 38:38 ven der shtoib iz tsunoifgegosen vi klump; un di grudes zainen tsuzamengebaken. | JOB 38:38 When the dust hardens into a clump, and the clods cleave fast together? |
| JOB 38:39 קענסטו פֿאַנגען פֿאַר דער לייבינטע רויב, און דעם באַגער פֿון די יונגלייבן אָנפֿילן, edit | JOB 38:39 kenstu fangen far der leibinte roib, un dem bager fun di yungleiben onfilen, | JOB 38:39 Wilt thou hunt the teref for the lioness, or fill the appetite of her whelps, |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 38:40 ווען זיי בייגן זיך אין די נאָרעס, ווען זיי זיצן אין צודעק אויף דער לויער? edit | JOB 38:40 ven zei beigen zich in di nores, ven zei zitsen in tsudek oif der loier? | JOB 38:40 When they crouch in their me'onot ***(dens)*** , and abide in the lair to lie in ambush? |
| JOB 38:41 ווער גרייט אָן דעם ראָב זײַן שפּײַז, ווען זײַנע קינדער שרײַען צו אֵל, ווען זיי וואַנדערן אום אָן עסן? edit | JOB 38:41 ver greit on dem rob zain shpaiz, ven zaine kinder shraien tsu El, ven zei vanderen um on esen? | JOB 38:41 Who provideth for the raven his food? When his young ones cry unto El, they wander about for lack of okhel. |
| JOB 39:1 ווייסטו די צײַט ווען די שטיינציגן געבערן? גיסטו אַכטונג ווען די הינדינס האָבן ווייען? edit | JOB 39:1 veistu di tsait ven di shteintsigen geberen? gistu achtung ven di hindins hoben veyen? | JOB 39:1 Dost thou have da'as of the et ***(time)*** when the mountain goats give birth, or art thou shomer to watch when the doe bears her fawn? |
| JOB 39:2 ציילסטו די חדשים ווען זיי דאַרפֿן דערפֿילן, און ווייסטו די צײַט פֿון זייער געבערן? edit | JOB 39:2 tseilstu di Chodeshim ven zei darfen derfilen, un veistu di tsait fun zeyer geberen? | JOB 39:2 Canst thou number the months that they fulfil, or dost thou have da'as of the et ***(time)*** when they give birth? |
| JOB 39:3 זיי קניִען, זיי לאָזן דורכברעכן זייערע קינדער, זיי וואַרפֿן אַרויס זייערע געבורטן. edit | JOB 39:3 zei knien, zei lozen durchbrechen zeyere kinder, zei vorfen arois zeyere geburten. | JOB 39:3 They crouch down, they bring forth their yeledim, their chavalim ***(birth pains)*** are cast off in riddance. |
| JOB 39:4 זייערע יונגע ווערן שטאַרק, זיי וואַקסן אויפֿן פֿרײַען, זיי גייען אַוועק, און קערן זיך נישט אום צו זיי. edit | JOB 39:4 zeyere yunge veren shtark, zei vaksen oifen freyen, zei geyen avek, un keren zich nisht um tsu zei. | JOB 39:4 Their banim gain strength, they grow up in the bar ***(open, wild)*** ; they go forth, and return not unto them. |
| JOB 39:5 ווער האָט אַרויסגעלאָזט דעם וואַלדאייזל פֿרײַ, און די בינד פֿון דעם ווילדאייזל ווער | JOB 39:5 ver hot aroisgelozt dem valdeizl frai, un di bind fun dem vildeizl ver hot loiz gemacht, | JOB 39:5 Who hath sent out the pere ***(wild donkey)*** free, or who hath untied the ropes of the arod ***(wild donkey, onager)*** , |

| | | |
|---|---|---|
| האָט לויז געמאַכט, edit | | |
| JOB 39:6 וואָס איך האָב געמאַכט דעם מדבר פֿאַר זיין הויז, און זאַלציק לאַנד פֿאַר זיינע וווינונגען? edit | JOB 39:6 vos ich hob gemacht dem midbar far zain hoiz, un zaltsik land far zaine voinungen? | JOB 39:6 Whose bais I have made the aravah, and the barren land his mishkenot ***(dwellings)*** ? |
| JOB 39:7 ער לאַכט פֿון דעם טומל פֿון שטאָט, ער הערט נישט קיין טרייַבערס געשרייען. edit | JOB 39:7 er lacht fun dem tuml fun shtot, er hert nisht kein traibers geshraien. | JOB 39:7 He laughs at the tumult of the kiryah ***(city)*** , neither regardeth he the shouts of the driver. |
| JOB 39:8 די נישטערונג פֿון די בערג איז זיין פֿיטערונג, און איטלעך גראָז זוכט ער נאָך. edit | JOB 39:8 di nishterung fun di berg iz zain fiterung, un itlech groz zucht er noch. | JOB 39:8 The range of the harim is his pasture, and he searcheth after every green thing. |
| JOB 39:9 וועט דער ווילזלטיר וועלן דיר דינען? צי וועט ער נעכטיקן ביי דיין קאָריטע? edit | JOB 39:9 vet der vizltir velen dir dinen? tsi vet er nechtiken bai dain korite? | JOB 39:9 Will the wild ox be willing to be thy eved, or stay the night by thy evus ***(animal feeding trough)*** ? |
| JOB 39:10 קענסטו צובינדן דעם ווילזלטיר מיט זיין שטריק צו דער בייט? צי וועט ער בראָנעווען די טאָלן הינטער דיר? edit | JOB 39:10 kenstu tsubinden dem vizltir mit zain shtrik tsu der bait? tsi vet er broneven di tolen hinter dir? | JOB 39:10 Canst thou bind the wild ox to the furrow with a rope, or will it behind thee till the amakim ***(valleys)*** ? |
| JOB 39:11 קענסטו זיך פֿאַרזיכערן אויף אים, ווייל זיין כּוח איז גרויס, און איבערלאָזן אויף אים דיין מי? edit | JOB 39:11 kenstu zich farzicheren oif im, vail zain koiech iz grois, un iberlozen oif im dain mi? | JOB 39:11 Wilt thou depend on him, because his ko'ach is great, or wilt thou hand over thy heavy work to him? |
| JOB 39:12 קענסטו אים אָנטרויען, אַז ער וועט אָפּברענגען דיין | JOB 39:12 kenstu im ontroien, az er vet opbrengen dain zomen, un | JOB 39:12 Wilt thou believe him, that he will bring in thy zera |

| | | |
|---|---|---|
| זאָמען, און אײַנזאַמלען די תּבֿואה פֿון דײַן שײַער? edit | inzamlen di tvuh fun dain shaier? | ***(grain)*** , and gather it into thy goren ***(threshing floor)*** ? |
| JOB 39:13 דער פֿליגל פֿון שטרויספֿויגל קלאַפּט לוסטיק – צי איז דאָס דער פֿלעדער און פֿעדער פֿון שטאָרך? edit | JOB 39:13 der fligel fun shtroisfoigl klapt lustik – tsi iz dos der fleder un feder fun shtorch? | JOB 39:13 Joyfully flapping are the wings of the ostrich, but are her wings and feathers like the khasidah ***(stork)*** ? |
| JOB 39:14 פֿאַר וואָר, זי לאָזט איבער צו דער ערד אירע אייער, און אין שטויב לאָזט זי זיי אויסבריִען. edit | JOB 39:14 far vor, zi lozt iber tsu der erd ire ier, un in shtoib lozt zi zei oisbrien. | JOB 39:14 For the ostrich layeth her betzim ***(eggs)*** la'aretz ***(on the ground)*** , and warmeth them in the sand, |
| JOB 39:15 און זי פֿאַרגעסט אַז אַ פֿוס קען זיי צעקוועטשן, און אַ חיה פֿון פֿעלד קען זיי צעטרעטן. edit | JOB 39:15 un zi fargest az a fus ken zei tsekvetshen, un a chaye fun feld ken zei tsetreten. | JOB 39:15 And forgetteth that the regel may crush them, or that the wild beast may break them. |
| JOB 39:16 זי איז האַרט צו אירע קינדער ווי צו נישט אירע; אומנישט מעג זײַן איר מי, זי איז אָן אַנגסט, edit | JOB 39:16 zi iz hart tsu ire kinder vi tsu nisht ire; umnisht meg zain ir mi, zi iz on angst, | JOB 39:16 She treats harshly her banim, as though they were not hers; though her labor should be in vain, yet she is without pachad ***(fear, care)*** , |
| JOB 39:17 וואָרום אֱלוֹהַ האָט זי געמינערט פֿון חכמה, און איר נישט אײַנגעטיילט מיט שׂכל. edit | JOB 39:17 vorem Eloah hot zi geminert fun chochme, un ir nisht ingeteilt mit seichel. | JOB 39:17 Because Elo'ah hath deprived her of chochmah, neither hath he imparted to her binah. |
| JOB 39:18 אַצונד הייבט זי די פֿליגלען אין דער הייך, זי לאַכט פֿון פֿערד און פֿון זײַן רײַטער. edit | JOB 39:18 atsund heibt zi di fliglen in der heich, zi lacht fun ferd un fun zain raiter. | JOB 39:18 Yet at the et ***(time)*** she flaps her wings [to run], she laughs at the sus and his rider. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 39:19 גיסטו דעם פֿערד גבֿורה? באַקליידסטו זײַן האַלדז מיט שטורעם? edit | JOB 39:19 gistu dem ferd gevure? bakleidstu zain haldz mit shturem? | JOB 39:19 Hast thou given the sus gevurah? Hast thou clothed his neck with a flowing mane? |
| JOB 39:20 מאַכסטו אים שפּרינגען ווי אַ הײשעריק? דער הילך פֿון זײַן הירזשען איז אַן אימה. edit | JOB 39:20 machstu im shpringen vi a heisherik? der hilch fun zain hirzhen iz an eime. | JOB 39:20 Canst thou make him leap like an arbeh ***(locust)*** ? The hod ***(glory)*** of his snorting strikes terror. |
| JOB 39:21 ער גראַבלט אין טאָל, און פֿרייט זיך מיטן כּוח, ער גייט אַרויס דעם וואַפֿן אַנטקעגן. edit | JOB 39:21 er grablt in tal, un freit zich miten koiech, er geit arois dem vafen antkegen. | JOB 39:21 He paweth in the emek ***(valley)*** , and rejoiceth in his koach; he chargeth into the fray. |
| JOB 39:22 ער לאַכט פֿון אַנגסט, און ווערט נישט דערשראָקן, און ער קערט נישט צוריק פֿאַר אַ שווערד. edit | JOB 39:22 er lacht fun angst, un vert nisht dershroken, un er kert nisht tsurik far a shverd. | JOB 39:22 He laugheth at pachad, and nothing fears; neither turneth he back from the cherev. |
| JOB 39:23 לעבן אים קלינגט דער פֿײַלבײַטל, דער פֿלאַמיקער שפּיז און די פּיקע. edit | JOB 39:23 leben im klingt der failbaitl, der flamiker shpiz un di pike. | JOB 39:23 The quiver rattleth at his side, the glittering spear and the kidon ***(scimitar, curved sword)*** . |
| JOB 39:24 מיט רַעש און רוגזה שלינגט ער די ערד, און קען נישט אײַנשטיין בײַם קָול פֿון אַ שופֿר. edit | JOB 39:24 mit raash un rugzh shlingt er di erd, un ken nisht inshtein baim kol fun a shoifer. | JOB 39:24 He eats up the eretz with fierceness and rogez ***(rage)*** ; neither standeth he still at the sound of the shofar. |
| JOB 39:25 ווי נאָר אַ שופֿר, זאָגט ער: אַהאַ! און פֿון ווײַטן דערשמעקט ער מלחמה, דעם דונער פֿון די הויפּטלײַט און די | JOB 39:25 vi nor a shoifer, zogt er: aha! un fun veiten dershmekt er milchome, dem duner fun di hoiptlait un di shalung. | JOB 39:25 As often as the shofar, he snorts Aha! and he smelleth the milchamah afar off, the shout of the sarim, and the teru'ah ***(battle cry)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| שאַלונג. edit | | |
| JOB 39:26 דורך דייַן שׂכל פֿליט דען דער שפּאַרבער, שפּרייט זייַנע פֿליגלען קיין דָרום? edit | JOB 39:26 durch dain seichel flit den der shparber, shpreit zaine fliglen kein dorem? | JOB 39:26 Doth the hawk fly by thy binah, and stretch her wings toward the south? |
| JOB 39:27 צי אויף דייַן באַפֿעל הייבט זיך אויף דער אָדלער, און מאַכט זייַן נעסט אין דער הייך? edit | JOB 39:27 tsi oif dain bafel heibt zich oif der odler, un macht zain nest in der heich? | JOB 39:27 Doth the nesher ***(eagle)*** mount up at thy command, and make her ken ***(nest)*** on high? |
| JOB 39:28 אויף אַ פֿעלדז רוט ער און ווייַלט, אויף אַ שפּיץ פֿעלדז און אַ באַרגפֿעסטונג. edit | JOB 39:28 oif a feldz rut er un vailt, oif a shpits feldz un a bargfestung. | JOB 39:28 She dwelleth and abideth on the cliff, upon the crag of the rock, its metzudah ***(stronghold)*** . |
| JOB 39:29 פֿון דאָרטן קוקט ער אויס זייַן עסן, פֿון ווייַטן זעען זייַנע אויגן. edit | JOB 39:29 fun dorten kukt er ois zain esen, fun veiten zeen zaine oigen. | JOB 39:29 From there she seeketh the okhel ***(food, prey)*** , and her eyes behold it from afar off. |
| JOB 39:30 און זייַנע יונגע זופּן בלוט, און ווו דערשלאָגענע דאָרטן איז ער. edit | JOB 39:30 un zaine yunge zupn blut, un vu dershlogene dorten iz er. | JOB 39:30 Her young ones feast on dahm; and where the chalalim ***(slain ones)*** are, there it is. |
| JOB 40:1 און ה׳ האָט געענטפֿערט איִובֿן, און האָט געזאָגט: edit | JOB 40:1 un Hashem hot geentfert iiuven, un hot gezogt: | JOB 40:1 Moreover HASHEM answered Iyov, and said, |
| JOB 40:2 וויל זיך קריגן מיטן (אֵל) שַדַי דער טאַדלער? דער וואָס וויכּוחט זיך מיט אֱלוֹהַ זאָל עס ענטפֿערן. edit | JOB 40:2 vil zich krigen miten (El) Shaddai der tadler? der vos vikucht zich mit Eloah zol es entferen. | JOB 40:2 Shall he that contendeth with Shaddai correct him? The mokhiach Eloah ***(rebuker of G-d)*** , let him answer it. |
| JOB 40:3 האָט איִובֿ געענטפֿערט ה׳ און האָט געזאָגט: edit | JOB 40:3 hot Iyov geentfert Hashem un hot gezogt: | JOB 40:3 Then Iyov answered HASHEM , and said, |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 40:4 זע, ווינציק וואָס בין איך; וואָס קען איך דיר ענטפֿערן? איך טו אַרויף מײַן האַנט אויף מײַן מויל. edit | JOB 40:4 ze, vintsik vos bin ich; vos ken ich dir entferen? ich tu aroifblikendik main hant oif main moil. | JOB 40:4 See, I am vile; what shall I answer Thee? I will lay mine yad upon my mouth. |
| JOB 40:5 איין מאָל האָב איך גערעדט, און וועל מער נישט ענטפֿערן; יאָ, צוויי מאָל און וועל עס נישט ווידער טאָן. edit | JOB 40:5 ein mol hob ich geredt, un vel mer nisht entferen; yo, tsvei mol un vel es nisht vider ton. | JOB 40:5 Once have I spoken, but I will not answer; yea, shtayim ***(twice)*** , but I will proceed no further. |
| JOB 40:6 האָט ה׳ געענטפֿערט איובֿן פֿון שטורעם און האָט געזאָגט: edit | JOB 40:6 hot Hashem geentfert iiuven fun shturem un hot gezogt: | JOB 40:6 Then answered HASHEM unto Iyov out of the whirlwind, and said, |
| JOB 40:7 גורט אַקאָרשט אָן ווי אַ מאַן דײַנע לענדן; איך וועל דיך פֿרעגן, און דו מאַך מיך וויסן. edit | JOB 40:7 gurt akorsht on vi a man daine lenden; ich vel dich fregen, un du mach mich visen. | JOB 40:7 Gird up thy loins now like a gever. I will question thee, and thou shall answer Me. |
| JOB 40:8 צי ווילסטו אויך פֿאַרשטערן מײַן משפט? ווילסטו מיך באַשולדיקן כּדי דו זאָלסט גערעכט זײַן? edit | JOB 40:8 tsi vilstu oich farshteren main mishpot? vilstu mich bashuldiken kedei du zolst gerecht zain? | JOB 40:8 Wilt thou also annul My mishpat ***(justice)*** ? Wilt thou condemn Me, that thou mayest be justified? |
| JOB 40:9 אָדער צי האָסטו אַן אָרעם ווי הָאֵל, און מיט אַ קָול ווי ער קענסטו דונערן? edit | JOB 40:9 oder tsi hostu an orem vi hoel, un mit a kol vi er kenstu duneren? | JOB 40:9 Hast thou a zero'a like El? Or canst thou thunder with a kol ***(voice)*** like Him? |
| JOB 40:10 ציר זיך אַקאָרשט אָן מיט שטאָלץ און הויכקייט, און גלאַנץ און שיינקייט זאָלסטו אָנטאָן. edit | JOB 40:10 tsir zich akorsht on mit shtolts un hoichkeit, un glants un sheinkeit zolstu onton. | JOB 40:10 Adorn thyself now with majesty and excellency; and array thyself with hod ***(glory)*** and hadar ***(splendor)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 40:11 פֿאַרשפּרייט דעם גרים פֿון דײַן צאָרן, און זע ווו אַ שטאָלצער און דערנידער אים. edit | JOB 40:11 farshpreit dem geirem fun dain tsoren, un ze vu a shtoltser un dernider im. | JOB 40:11 Unleash thy evrot af ***(furious wrath)*** ; and behold every one that is proud, and bring him low. |
| JOB 40:12 זע ווו אַ שטאָלצער און מאַך אים אונטערטעניק, און צעטרעט די רשָעים אויף זייער אָרט. edit | JOB 40:12 ze vu a shtoltser un mach im untertenik, un tsetret di reshoiem oif zeyer ort. | JOB 40:12 Look on every one that is proud, and humble him, and tread down the resha'im in their place. |
| JOB 40:13 באַהאַלט זיי אין שטויב אין איינעם, זייער פּנים פֿאַרדעקן אין פֿאַרבאָרגעניש. edit | JOB 40:13 bahalt zei in shtoib in einem, zeyer ponem fardeken in farborgenish. | JOB 40:13 Bury them in the aphar together; shroud their faces in the crypt. |
| JOB 40:14 און איך אויך וועל דיר מודה זײַן, אַז דײַן רעכטע האַנט קען דיר העלפֿן. edit | JOB 40:14 un ich oich vel dir moide zain, az dain rechte hant ken dir helfen. | JOB 40:14 Then odecha ***(will I confess, admit unto thee)*** that thine own right hand can save thee. |
| JOB 40:15 זע נאָר דעם וואַסערפֿערד וואָס איך האָב געמאַכט לעבן דיר; גראָז ווי אַ רינד עסט ער. edit | JOB 40:15 ze nor dem vaserferd vos ich hob gemacht leben dir; groz vi a rind est er. | JOB 40:15 Hinei now behemot ***(hippopotamus)*** , which I made along with thee; he eateth grass like an ox. |
| JOB 40:16 זע נאָר, זײַן כּוח איז אין זײַנע לענדן, און זײַן שטאַרקייט אין די פֿליישפֿעדים פֿון זײַן בויך. edit | JOB 40:16 ze nor, zain koiech iz in zaine lenden, un zain shtarkeit in di fleishfedim fun zain boich. | JOB 40:16 Hinei now, his koach is in his loins, and his force is in the sinews of his beten ***(belly)*** . |
| JOB 40:17 ער שטעלט אויף זײַן עק ווי אַ צעדערבוים, די אָדערן פֿון זײַנע דיכן זײַנען ווי צווײַגן. edit | JOB 40:17 er shtelt oif zain ek vi a tsederboim, di oderen fun zaine dichen zainen vi tsvaigen. | JOB 40:17 He moveth his zanav ***(tail)*** like a cedar branch; the sinews of his thighs are firmly interwoven. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 40:18 זייַנע ביינער זייַנען רערן פֿון קופּער, זייַנע קנאָכנס ווי אייַזערנע שטאַנגען. edit | JOB 40:18 zaine beiner zainen reren fun kuper, zaine knochns vi izerne shtangen. | JOB 40:18 His atzmot are like tubes of nechoshet; his limbs are like rods of barzel ***(iron)*** . |
| JOB 40:19 ער איז די פּער פֿון דרכי־אֵל, בלויז זייַן באַשעפֿער קען ברענגען [אויף אים] זייַן שווערד. edit | JOB 40:19 er iz di Peor fun drchi־el, bloiz zain Bashefer ken brengen [oif im] zain shverd. | JOB 40:19 He is the reshit ***(firstling)*** of the ways of El; He, his Maker, can approach it with His cherev. |
| JOB 40:20 וואָרום פֿוטער טראָגן אים די בערג, וואָס אַלע חיות פֿון פֿעלד שפּילן זיך דאָרטן. edit | JOB 40:20 vorem futer trogen im di berg, vos ale chayes fun feld shpilen zich dorten. | JOB 40:20 Surely the harim bring forth food for him, where all the wild beasts play. |
| JOB 40:21 אונטער לאָטוסביימער ליגט ער, אין פֿאַרבאָרגעניש פֿון ראָר און זומפּ. edit | JOB 40:21 unter lotusbeimer ligt er, in farborgenish fun ror un zump. | JOB 40:21 He lieth under the shade of lotus plants, beseter ***(in the covert)*** of the reed and marsh. |
| JOB 40:22 לאָטוסביימער באַשירעמען אים מיט זייער שאָטן, אים רינגלען אַרום ווערבעס פֿון טייַך. edit | JOB 40:22 lotusbeimer bashiremen im mit zeyer shoten, im ringlen arum verbes fun taich. | JOB 40:22 The lotus plants cover him with their shadow; the willows by the nakhal ***(brook, stream)*** surround him. |
| JOB 40:23 זע, דער טייַך פֿלייצט אַריבער, און ער אייַלט זיך נישט, ער איז זיכער, ווען אַ ירדן שפּאַרט זיך אין זייַן מויל. edit | JOB 40:23 ze, der taich fleitst ariber, un er ilt zich nisht, er iz zicher, ven a Yarden shpart zich in zain moil. | JOB 40:23 See, when the nahar ***(river)*** rages, he is not alarmed; he is confident, though Yarden breaketh forth upon his mouth. |
| JOB 40:24 קען מען פֿאַר זייַנע אויגן אים כאַפּן, מיט פּאַסטקעס דורכלעכערן די נאָז? edit | JOB 40:24 ken men far zaine oigen im chapen, mit pastkes durchlecheren di noz? | JOB 40:24 While he is looking can one capture him? With mokeshim ***(hooks)*** can one pierce his nose? |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 40:25 קענסטו אַרויסציען דעם לִויָתן מיט אַ ווענדע, און מיט אַ שטריק אַראָפּשלעפּן זײַן צונג? edit | JOB 40:25 kenstu aroistsien dem lioioten mit a vende, un mit a shtrik aropshlepn zain tsung? | JOB 40:25 Canst thou draw out Leviathan with a khakah ***(fishhook)*** ? Or tie down his leshon with a cord? |
| JOB 40:26 קענסטו אַרײַנטאָן אַ ראָר אין זײַן נאָז, אָדער מיט אַ דאָרן דורכבויערן זײַן קינבאַק? edit | JOB 40:26 kenstu arainton a ror in zain noz, oder mit a Doren durchboieren zain kinbak? | JOB 40:26 Canst thou put a hook into his af ***(nose)*** ? Or bore his jaw through with a barb? |
| JOB 40:27 וועט ער זיך פֿיל בעטן בײַ דיר? צי וועט ער רעדן צו דיר ווייך? edit | JOB 40:27 vet er zich fil beten bai dir? tsi vet er reden tsu dir veich? | JOB 40:27 Will he make many tachanunim unto thee? Will he speak soft words unto thee? |
| JOB 40:28 וועט ער שליסן {כרת} אַ בְּרִית מיט דיר, זאָלסט אים נעמען פֿאַר אַן אייביקן קנעכט? edit | JOB 40:28 vet er shlisen a bris mit dir, zolst im nemen far an eibiken knecht? | JOB 40:28 Will he make a brit ***(covenant)*** with thee? Wilt thou take him for an eved olam? |
| JOB 40:29 קענסטו זיך שפּילן מיט אים ווי מיט אַ פֿויגל, און אים צובינדן פֿאַר דײַנע מיידלעך? edit | JOB 40:29 kenstu zich shpilen mit im vi mit a foigel, un im tsubinden far daine meidlech? | JOB 40:29 Wilt thou play with him as with a pet bird? Or wilt thou leash him for thy na'arot ***(maidens)*** ? |
| JOB 40:30 וועלן זיך דינגען שותּפֿים איבער אים? וועלן זיי אים צעטיילן צווישן די הענדלער? edit | JOB 40:30 velen zich dingen shutfim iber im? velen zei im tseteilen tsvishen di hendler? | JOB 40:30 Shall traders barter for him? Shall they divide him among the Kena'anim ***(Canaanites, merchants)*** ? |
| JOB 40:31 קענסטו אָנפֿילן מיט שטעכערס זײַן פֿעל, און מיט פֿישהאָקן זײַן קאָפּ? edit | JOB 40:31 kenstu onfilen mit shtechers zain fel, un mit fishhoken zain kop? | JOB 40:31 Canst thou fill his ohr ***(skin)*** with harpoons? Or his head with fishing spears? |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 40:32 טו אַרויף אויף אים דײַן האַנט! דערמאָן זיך די מלחמה, וועסטו עס מער נישט טאָן. edit | JOB 40:32 tu aroifblikendik oif im dain hant! dermon zich di milchome, vestu es mer nisht ton. | JOB 40:32 Lay thine hand upon him; remember the milchamah. Thou wilt not do it more. |
| JOB 41:1 זע, די האָפֿענונג ווערט צום נאַרן; שוין פֿון זײַן אָנבליק ווערט מען דאָך אַנידערגעשלײַדערט. edit | JOB 41:1 ze, di hofenung vert tsum naren; shoin fun zain onblik vert men doch anidergeshlaidert. | JOB 41:1 See, every tokhelet ***(expectation)*** is false; shall not one be cast down even at the sight of him? |
| JOB 41:2 נישטאָ דער אַכזר אויף זיך וואָס זאָל אים וועלן אויפֿרייצן; הײַנט ווער איז דער וואָס קען זיך שטעלן פֿאַר מיר? edit | JOB 41:2 nishto der achzr oif zich vos zol im velen oifreitsen; haint ver iz der vos ken zich shtelen far mir? | JOB 41:2 None is so foolhardy that dare stir him up. Mi ***(who)*** then is able to stand before Me? |
| JOB 41:3 ווער עס טרעט אַרויס אַקעגן מיר, דעם באַצאָל איך; וואָס אונטערן גאַנצן הימל איז מײַן. edit | JOB 41:3 ver es tret arois akegen mir, dem batsol ich; vos unteren gantsen himel iz main. | JOB 41:3 Mi ***(who)*** hath given Me, that I must repay him? Whatsoever is under the kol HaShomayim is Mine. |
| JOB 41:4 זאָל איך אים פֿאַרשווײַגן זײַנע פלוידערײַען, און דאָס האָפֿערדיקע רעדן, און זײַן שיינעם מַעֲנה-לשון? edit | JOB 41:4 zol ich im farshvaigen zaine ploideraien, un dos hoferdike reden, un zain sheinem maeane-loshen? | JOB 41:4 I will not keep silent about his members, nor his gevurah, nor the grace of his form. |
| JOB 41:5 ווער האָט אָפּגעדעקט זײַן אויסנווייניקסט מלבוש? צו זײַן טאָפּעלן געביס ווער קען צוקומען? edit | JOB 41:5 ver hot opgedekt zain oisnveinikst malbesh? tsu zain topelen gebis ver ken tsukumen? | JOB 41:5 Mi ***(who)*** can remove his outer garment? Or mi ***(who)*** can come near him with a double bridle? |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 41:6 די טירן פֿון זײַן פּנים ווער האָט געעפֿנט? אַרום זײַנע צײן איז אַן אימה. edit | JOB 41:6 di tiren fun zain ponem ver hot geefent? arum zaine tsein iz an eime. | JOB 41:6 Mi ***(who)*** can open the doors of his face? Terror is round about his teeth. |
| JOB 41:7 שטאָלץ זײַנען די פּאַנצערשופּן, צונויפֿגעשלאָסן ווי מיט אַ זיגל אַ פֿעסטן; edit | JOB 41:7 shtolts zainen di pantsershupn, tsunoifgeshlosen vi mit a zigl a festen; | JOB 41:7 His scales are his ga'avah ***(pride)*** , shut up together as with a rigid chotam ***(seal)*** . |
| JOB 41:8 אײנע צו דער אַנדערער זײַנען זײ נאָנט, אַז אַ לופֿט קען נישט דורכגײן צווישן זײ. edit | JOB 41:8 eine tsu der anderer zainen zei nont, az a luft ken nisht durchgein tsvishen zei. | JOB 41:8 One is so near to another, that no ruach ***(air)*** can pass between them. |
| JOB 41:9 אײנע צו דער צווײטער איז באַהעפֿט, זײ האַלטן זיך פֿעסט און צעשײדן זיך נישט. edit | JOB 41:9 eine tsu der tsveiter iz baheft, zei halten zich fest un tsesheiden zich nisht. | JOB 41:9 They are joined one to another; they stick together, inseparably. |
| JOB 41:10 זײַן ניסן שטראַלט אַרויס אַ ליכט, און זײַנע אויגן זײַנען ווי די ברעמען פֿון פֿרימאָרגן. edit | JOB 41:10 zain nisen shtralt arois a licht, un zaine oigen zainen vi di bremen fun frimorgen. | JOB 41:10 By his sneezings ohr flares out, and his eyes are like the eyelids of the shachar. |
| JOB 41:11 פֿון זײַן מויל גײען פֿלאַמען, פֿונקען פֿײַער רײַסן זיך אַרויס. edit | JOB 41:11 fun zain moil geyen flamen, funken faier raisen zich arois. | JOB 41:11 Out of his mouth goeth flame, and sparks of eish leap out. |
| JOB 41:12 פֿון זײַנע נאָזלעכער גײט אַ רויך, ווי פֿון אַ קאָכיקן טאָפּ און ברענעדיקן ראָר. edit | JOB 41:12 fun zaine nozlecher geit a roich, vi fun a kochiken top·un brenediken ror. | JOB 41:12 Out of his nostrils goeth forth smoke, like a seething pot or caldron. |
| JOB 41:13 זײַן אָטעם גליט ווי קוילן, און אַ פֿלאַקער גײט אַרויס פֿון זײַן מויל. edit | JOB 41:13 zain otem glit vi koilen, un a flaker geit arois fun zain moil. | JOB 41:13 His breath kindleth coals, and a flame goeth out of his mouth. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 41:14 אויף זײַן האַלדז רוט די שטאַרקייט, און אים פֿאַרויס טאַנצט די אַנגסט. edit | JOB 41:14 oif zain haldz rut di shtarkeit, un im forois tantst di angst. | JOB 41:14 In his neck resideth oz ***(strength)*** , and terror dances before him. |
| JOB 41:15 די קנייטשן פֿון זײַן פֿלייש זײַנען באַהעפֿט; עס איז פֿעסט אויף אים, עס רירט זיך נישט. edit | JOB 41:15 di kneitshen fun zain fleish zainen baheft; es iz fest oif im, es rirt zich nisht. | JOB 41:15 The flanks of his basar are joined together; they are firm in themselves, immoveable. |
| JOB 41:16 זײַן האַרץ איז פֿעסט ווי שטיין, יאָ, פֿעסט ווי אַן אונטערשטער מילשטיין. edit | JOB 41:16 zain harts iz fest vi shtein, yo, fest vi an untershter milshtein. | JOB 41:16 His lev ***(chest)*** is as firm as an even ***(stone)*** ; yea, as hard as the lower millstone. |
| JOB 41:17 פֿאַר זײַן הייב שרעקן זיך די מאַכטיקע, פֿון צעבראָכנקייט ווערן זיי אויסער זיך. edit | JOB 41:17 far zain heib shreken zich di machtike, fun tsebrochnkeit veren zei oiser zich. | JOB 41:17 When he raiseth up himself, the mighty are afraid; shuddering they retreat. |
| JOB 41:18 וויל מען אים אָנקריגן, קען קיין שווערד נישט באַשטיין, קיין שפּיז, קיין וואַרפֿשפּיז, און קיין פֿײַל. edit | JOB 41:18 vil men im onkrigen, ken kein shverd nisht bashtein, kein shpiz, kein varfshpiz, un kein fail. | JOB 41:18 The cherev of him that reacheth at him cannot hold — the spear, the dart, nor the harpoon. |
| JOB 41:19 ער באַטראַכט אײַזן פֿאַר שטרוי, און קופּער פֿאַר האָלץ פֿאַרפֿוילטן. edit | JOB 41:19 er batracht izen far shtroi, un kuper far holts farfoilten. | JOB 41:19 He esteemeth barzel ***(iron)*** like straw, and nechoshet as rotten wood. |
| JOB 41:20 אים פֿאַריאָגט נישט דער זון פֿון בויגן; פֿאַרקערט אין שפּריי ווערן פֿאַר אים שלײַדערשטיינער. edit | JOB 41:20 im fariogt nisht der zun fun boigen; farkert in shprei veren far im shlaidershteiner. | JOB 41:20 The arrow cannot make him flee; sling stones are turned with him into stubble. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 41:21 ווי שפריי זײַנען פֿלעקער גערעכנט, און ער לאַכט פֿון רַעש פֿון דער פּיקע. edit | JOB 41:21 vi shprei zainen fleker gerechnt, un er lacht fun raash fun der pike. | JOB 41:21 Clubs are counted as straw; he laugheth at the shaking of a spear. |
| JOB 41:22 זײַן אונטערזײַט איז שפּיציקע שאַרבנס; ער בעט אויס אַ דרעששליטן אויפֿן קויט. edit | JOB 41:22 zain unterzait iz shpitsike sharbns; er bet ois a dreshshliten oifen koit. | JOB 41:22 Sharp shards are his under parts; he leaveth a trail in the mud like a threshing sledge. |
| JOB 41:23 ער צעקאָכט ווי אַ טאָפּ די טיפֿעניש, ער מאַכט דעם ים ווי זוד. edit | JOB 41:23 er tsekocht vi a top·di tifenish, er macht dem yam vi zud. | JOB 41:23 He maketh the deep to boil like a pot; he stirreth the yam like a pot of ointment. |
| JOB 41:24 הינטער זיך לאָזט ער אַ ליכטיקן שטעג; מע מיינט דער תּהום איז גרײַזגראָ. edit | JOB 41:24 hinter zich lozt er a lichtiken shteg; me meint der thum iz graizgro. | JOB 41:24 He maketh a wake to shine after him; one would think the deep to be white hair. |
| JOB 41:25 נישטאָ אויף דער ערד זײַן גלײַכן, געמאַכט צו זײַן אָן אַ מורא. edit | JOB 41:25 nishto oif der erd zain glaichen, gemacht tsu zain on a moire. | JOB 41:25 Upon earth there is not his equal, who is created without fear. |
| JOB 41:26 אויף יעטוועדער העכסטן קוקט ער אַראָפּ, ער איז דער מלך איבער אַלע שטאָלצע חיות. edit | JOB 41:26 oif yetveder hechsten kukt er arop, er iz der melech iber ale shtoltse chayes. | JOB 41:26 He beholdeth all things lofty; he is a melech over every proud beast. |
| JOB 42:1 האָט אִיובֿ געענטפֿערט ה׳ און האָט געזאָגט: edit | JOB 42:1 hot Iyov geentfert Hashem un hot gezogt: | JOB 42:1 Then Iyov answered HASHEM , and said, |
| JOB 42:2 איך ווייס אַז אַלץ קענסטו טאָן, און קיין טראַכטונג איז נישט פֿאַרמיטן | JOB 42:2 ich veis az alts kenstu ton, un kein trachtung iz nisht farmiten fun dir. | JOB 42:2 I have da'as that Thou canst do all things, and that no purpose of Thine can be thwarted. |

| | | |
|---|---|---|
| פֿון דיר. edit | | |
| JOB 42:3 ווער קען דאָס פֿאַרהוילן די כּוונה אָן פֿאַרשטאַנדיקייט? דערום זאָג איך אַז איך פֿאַרשטיי נישט; וווּנדער זייַנען דאָס פֿאַר מיר, און איך ווייס נישט. edit | JOB 42:3 ver ken dos farhoilen di kavone on forshtandikeit? derum zog ich az ich farshtei nisht; vunder zainen dos far mir, un ich veis nisht. | JOB 42:3 Who is this that hideth etzah ***(counsel)*** without da'as? Therefore have I judged without understanding things too wonderful for me, which I knew not. |
| JOB 42:4 הער, איך בעט דיך, און איך וועל רעדן; איך וועל דיך פֿרעגן, און דו מאַך מיך וויסן. edit | JOB 42:4 her, ich bet dich, un ich vel reden; ich vel dich fregen, un du mach mich visen. | JOB 42:4 Shema, I beseech Thee, and I will speak; I will ask of Thee, and declare Thou unto me. |
| JOB 42:5 מיט געהער פֿון אויער האָב איך פֿון דיר געהערט, און אַצונד האָט מייַן אויג דיך געזען. edit | JOB 42:5 mit geher fun oier hob ich fun dir gehert, un atsund hot main oig dich gezen. | JOB 42:5 I have heard of Thee by the hearing of the ozen, but now mine eye hath seen Thee. |
| JOB 42:6 דערום פֿאַראַכט איך מייַנע רייד און האָב חרטה, אין שטויב און אַש. edit | JOB 42:6 derum faracht ich maine reid un hob charote, in shtoib un ash. | JOB 42:6 Therefore I abhor myself, and nichamti ***(I am sorry, I make teshuvah)*** in dust and ashes. |
| JOB 42:7 און עס איז געווען נאָך דעם ווי ה׳ האָט גערעדט די דאָזיקע ווערטער צו אִיובֿן, האָט ה׳ געזאָגט צו אֱלִיפַֿז דעם תֵּימָני: מייַן צאָרן גרימט אויף דיר און אויף דייַנע צוויי גוטע פֿרייַנט, פֿאַר וואָס איר האָט נישט גערעדט וועגן מיר אַזוי | JOB 42:7 un es iz geven noch dem vi Hashem hot geredt di dozike verter tsu iiuven, hot Hashem gezogt tsu Eliphaz dem Temani: main tsoren grimt oif dir un oif daine tsvei gute fraint, far vos ir hot nisht geredt vegen mir azoi oifrichtik vi main knecht Iyov. | JOB 42:7 And it was so, that after HASHEM had spoken these words unto Iyov, HASHEM said to Eliphaz the Temani, My wrath is kindled against thee, and against thy two friends; for ye have not spoken in reference to Me the thing that is nekhonah ***(correct)*** , like Avdi Iyov hath. |

| | | |
|---|---|---|
| אויפֿריכטיק ווי מײַן קנעכט אִיובֿ. edit | | |
| JOB 42:8 און אַצונד נעמט אײַך זיבן אָקסן און זיבן ווידערס, און גייט צו מײַן קנעכט אִיובֿן, און איר זאָלט אויפֿברענגען אַ בראַנדאָפּפֿער {עֹלָה} פֿאַר אײַך, און אִיובֿ מײַן קנעכט וועט מתפלל זײַן פֿאַר אײַך, וואָרום בלויז זײַן פּנים שוין איך, אײַך נישט אָנצוטאָן קיין שאַנד, ווײַל איר האָט נישט גערעדט וועגן מיר אַזוי אויפֿריכטיק ווי מײַן קנעכט אִיובֿ. edit | JOB 42:8 un atsund nemt ich ziben oksen un ziben viders, un geit tsu main knecht iiuven, un ir zolt oifbrengen a brandopfer far ich, un Iyov main knecht vet mispalel zain far ich, vorem bloiz zain ponem shoin ich, ich nisht ontsuton kein shand, vail ir hot nisht geredt vegen mir azoi oifrichtik vi main knecht Iyov. | JOB 42:8 Therefore take unto you now seven bulls and seven rams, and go to Avdi Iyov, and offer up for yourselves olah ***(burnt offering)*** ; and Avdi Iyov shall pray for you; for him will I accept; lest I deal with you after your nevalah ***(folly)*** , in that ye have not spoken in reference to Me the thing which is nekhonah ***(correct)*** , like Avdi Iyov. |
| JOB 42:9 איז אֱלִיפַז דער תֵּימָנִי, און בִּלדַד דער שוּחִי, און צוֹפַר דער נַעֲמָתִי, געגאַנגען, און זיי האָבן געטאָן אַזוי ווי ה׳ האָט צו זיי גערעדט; און ה׳ האָט געשוינט אִיובֿס פּנים. edit | JOB 42:9 iz Eliphaz der Temani, un Bildad der Shuchi, un Tzophar der Naamati, gegangen, un zei hoben geton azoi vi Hashem hot tsu zei geredt; un Hashem hot geshoint iiuvs ponem. | JOB 42:9 So Eliphaz the Temani and Bildad the Shuchi and Tzophar the Na'amati went, and did according as HASHEM commanded them. HASHEM also accepted Iyov. |
| JOB 42:10 און ה׳ האָט אומגעקערט אִיובֿס שאָדן, אַז ער האָט מתפלל געווען פֿאַר זײַנע גוטע פֿרײַנט; און ה׳ האָט געמערט אַלץ וואָס אִיובֿ האָט געהאַט טאָפּל. edit | JOB 42:10 un Hashem hot umgekert iiuvs shoden, az er hot mispalel geven far zaine gute fraint; un Hashem hot gemert alts vos Iyov hot gehat topl. | JOB 42:10 And HASHEM restored the fortunes of Iyov, when he prayed for his friends; also HASHEM gave Iyov twice as much as he possessed before. |

| | | |
|---|---|---|
| JOB 42:11 און אַלע זײַנע ברידער, און אַלע זײַנע שוועסטער, און אַלע זײַנע באַקענטע פֿון פֿריִער, זײַנען געקומען צו אים, און האָבן געגעסן מיט אים ברויט אין זײַן הויז, און זיי האָבן אים באַדויערט, און אים געטרייסט אויף אַל דעם בייז וואָס ה׳ האָט אויף אים געבראַכט; און זיי האָבן אים געגעבן איטלעכער אַ קשׂיטה, און איטלעכער אַ גילדערנעם נאָזרינג. edit | JOB 42:11 un ale zaine brider, un ale zaine shvester, un ale zaine bakente fun frier, zainen gekumen tsu im, un hoben gegesen mit im broit in zain hoiz, un zei hoben im badoyert, un im getreist oif al dem beiz vos Hashem hot oif im gebracht; un zei hoben im gegeben itlecher a ksite, un itlecher a gildernem nozring. | JOB 42:11 Then came there unto him all his brethren, and all his sisters, and all they that had been of his acquaintance before, and did eat lechem with him in his bais; and they expressed sympathy with him, and comforted him over all the ra'ah that HASHEM had brought upon him; every ish also gave him a kesitah, and every ish a ring of zahav. |
| JOB 42:12 און ה׳ האָט געבענטשט איִובֿס לעצט מער ווי זײַן אָנהייב, און ער האָט געהאַט פֿערצן טויזנט שאָף, און זעקס טויזנט קעמלען, און טויזנט געשפּאַן רינדער, און טויזנט אייזעלינס. edit | JOB 42:12 un Hashem hot gebentsht iiuvs letst mer vi zain onheib, un er hot gehat fertsen toizent shof, un zeks toizent kemlen, un toizent geshpan rinder, un toizent eizelins. | JOB 42:12 So HASHEM blessed the acharit ***(latter end)*** of Iyov more than his reshit; for he had fourteen thousand tzon, and six thousand gemalim, and a thousand yoke of oxen, and a thousand she-donkeys. |
| JOB 42:13 און ער האָט געהאַט זיבן זין און דרײַ טעכטער. edit | JOB 42:13 un er hot gehat ziben zin un drai techter. | JOB 42:13 He had also seven banim and shalosh banot. |
| JOB 42:14 און ער האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון איינער יְמִימָה, און דעם נאָמען פֿון דער צווייטער קְצִיעָה, און דעם נאָמען פֿון דער דריטער קֶרֶן- | JOB 42:14 un er hot gerufen dem nomen fun einer Yemimah, un dem nomen fun der tsveiter Ketziah, un dem nomen fun der driter Keren-Hapuke. | JOB 42:14 And he called the shem of the first, Yemimah, and the shem of the second, Ketziah, and the shem of the third, Keren-Hapukh. |

| | | |
|---|---|---|
| הַפּוּך. edit | | |
| JOB 42:15 און אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך נישט געפֿונען אַזעלכע שיינע פֿרויען ווי אִיוֹבֿס טעכטער. און זייער פֿאָטער האָט זיי געגעבן אַ נחלה צווישן זייערע ברידער. edit | JOB 42:15 un in gantsen land hoben zich nisht gefunen azelche sheine froien vi iiuvs techter. un zeyer foter hot zei gegeben a nachle tsvishen zeyere brider. | JOB 42:15 And in kol ha'aretz were no nashim found so fair as the banot Iyov; and their av gave them nachalah with their achim. |
| JOB 42:16 און אִיוֹבֿ האָט געלעבט נאָך דעם הונדערט און פֿערציק יאָר; און ער האָט געזען זײַנע קינדער און זײַנע קינדס-קינדער, פֿיר דורות. edit | JOB 42:16 un Iyov hot gelebt noch dem hundert un fertsik yor; un er hot gezen zaine kinder un zaine kinds-kinder, fir doires. | JOB 42:16 After this lived Iyov an hundred and forty shanah, and saw his banim, and his banei banim, even arba'ah dorot. |
| JOB 42:17 און אִיוֹבֿ איז געשטאָרבן אַלט און זאַט מיט טעג. edit | JOB 42:17 un Iyov iz geshtorben alt un zat mit teg. | JOB 42:17 So Iyov died, being zaken and full of yamim. |